## א שלעכט - באַצאָלטע רעקלאַמע . . .

א דייטשער אויסערן־מיניסטער אין א קאַפּל
קאָן זיין אַ קלינגענדיקע רעקלאַמע ?
א קאַפּל מיט שקלים — קופּערנע, זילבערנע ?
פולע מיט גילדענע רענדלעך, מסתּמא !

אַ וואונדער דייטשע וואַליוטע אַזוי הויך שטייט,
אַז פון אַלע די גאָר העכסטע סאַמע ?
פון דער גאַנצער גוטמאַכונג, שילומים־געלדער
דער באַטרעף — איין יאָר גוטע רעקלאַמע !

זעקס מיליאָן אין גאַז־קאַמער, אין קרעמאַטאָריע,
אין די פלאַמען די יידישע מאַמע !
ביזן זיבעטן הימל דאָס פונקען־געשפּריץ — —
קאָן זיין פייערדיקער אַ רעקלאַמע ?

פון בערזע צו בערזע, לאָנדאָן, פּאַריז, וואָל־סטריט,
ס׳פינקט טעלעגראַמע נאָך טעלעגראַמע — —
און מאָסקווער קרעמל — שוין אַ באָן־פיליאַלע !
קאָן זיין קרעמלדיקער אַ רעקלאַמע ?

אַטאָם־עפּאָכע, לבנה־אַסטראָנאַוטן,
וואָס שוין אַ נקבה אין פידזשאַמע ?
זעט אַ „פיקטשער” אין איר נאַקעטן אמת —
היפּ־היפּ ! אָט וואָס עס מיינט אַ רעקלאַמע —

ביי די גלעד־שטיינער שויך יעקב געשלאָסן
אַ שלום מיט אַ לבן־אַרמאַי,
בלויז ביי יענעם ס׳איז געווען „יגר שהדותא” *
פאַרטייטשטע, אַראַמישע רעקלאַמע —

א דייטשער אויסערן־מיניסטער אין א קאַפּל
קאָן זיין א כשרערע רעקלאַמע ?
מיט זיינע ידים ער באַטאַפּט די כותל,
יעדן שטיין אין איר ער איז מטמא.

ש.

---

* בראשית ל״ג, מ״ז

## יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33 א.1.—3 אַזייגער רעציטאַציעס, געזאַנג, רעדעס — יעדן שבת אַ פרישער פּראָגראַם.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 10־9 (העפט 92־391) 32־סטער יאָר סעפּ.־אָק. 1971, לאָנדאָן

### אינהאַלט

ימים נוראים, לאַנדשאַפט, תשליך א.א. ........ *** 3
מיין טאַטע אין לאָנדאָן. ........ ה. נ. בענקוויטש 10
ווידער אַ תפילה (ליד) ........ עלא זילבערג 14
ראש־השנה ........ אסתר ערלעכמאַן 14
ווו קיין מענטש נישט פאַרהאַנען (ליד) ........ י. ה. בינענפעלד 16
דער נייער אַנהייב, אין היידפּאַרק (פּראָזע און ליד) ........ א. נ. שטענצל 16
די אַלמנה ........ ריימאָנד לעווין 25
אויב דאָס איז לעבן—האָב איך נישט מורא פאַרן טויט. מ. מאַרגנשטערן 35
עלען ווינאַגראַד ע״ה ........ אייזיק גאָלדבערג 36
אַ שטיקל חשבון־הנפש לשנת תשל״ב, אחר, רבינו אלעזר
ברבי שמעון ........ ש. 38
אַ ייד פון לובלין ........ יעקב גלאַטשטיין 46
אַז די פאַרצווייפלונג איז גרויס, ווערטער, שמואל וואַהייט, מוזיק
מאיר באָגדאַנסקי ........ 48

---

פרייז 10 פּענס

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אַדרעס פון רעדאַקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לשנה - טובה - ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן" ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאראדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאראד פרעס" ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה זייערע קרובים און פריינט, אנגעשטעלטע און קליענטן.

זרובבל נאראד און פרוי ווינטשן א גוט יאר קרובים און פריינט.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער מש־פחה און פריינט פון יידיש לשון שווישפי־לער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סאדערן ראדישיא, א כתיבה וחתימה טובה.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פריילעכן יאר פאר מיין ליבן ברו־דער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער, איידעם, אייניקל, ריטש־מאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון" די „ליטעראריש שבת נאכמיטאגס" און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייעם יאר.

דוד גרייוועו ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל און פרוי און א. נ. שטענצל ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכ־טער, איידעמס, אייניקלעך, און אלע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יארן.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זייערע שוועסטער און ברודער, קינדער און אייניקלעך, פריינד און גאנצע משפחה א רואיק און גליקלעך יאר.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כוח״ט.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשן דעם כלל ישראל א שנה טובה.

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ" ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

סיידי שעני, טורנער סטר. יי1, א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

חיים האלדשטוק ווינשט א כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ ווינטש א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים. איבער דער יידישער וועלט א סך גוטע ברכות צום נייעם יאר. תכלה שנה וקללותיה לשנה טובה צום נשיא אין ישראל שלמה זלמן שזר, צו מיין טאכטער און איידים נילי און בנימין סלאנט, צו מיינע אייניקלעך, בישראל צו מיין ברודער זשוליאן גראס און פרוי און קינדער, מיין מפחה ראז און וויקטאר און פריינט גוסטא גייפמאן.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן א גוט יאר משפחה און פריינט.

שנה טובה, כתיבה וחתימה טובה צו מיינע קינדער אייניקלעך אוראייניקלעך, צו מיין משפחה, פריינט, חברים פון „לשון און לעבן", מדינת ישראל, ולכל ישראל
חיים נח בענקוויטש׳

שלום און פאולא יאקובאוויטש ווינטשט זיין משפחה א כתיבה וחתימה טובה.

מאטל און עטטי מארגנשטערן ווינטשן די משפחה און אלע פריינט א גוט געזונט יאר. א יאר פון שלום.

דוד בערמאן 207 לאוער קלעפטאן רויד, א׳5, ווינטשט זיינע גוטע פריינט און בא־קאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

מרס׳ שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כוח״ט.

---

נאטיץ פון דער רעדאקציע :

איבער פארשיי״דענע טעמים האט זיך דער היי״נטיקער נומער פארשפעטיקט מיט איי־ניקע טעג. מיר בעטן ענטשולדיקונג ביי אונזערע לייענערן און דער עיקר פון די וואס האבן אריינגעשטעלט זיי״ערע לשנה־טובה־ווונטשן אין אונזער יום־טוב נומער.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10־9 (העפט 92־391) 32־סטער יאר סעפ.־אק. 1971, לאנדאן

## ימים נוראים לאנדשאפט

די ימים־נוראים־טעג קומען אן —
אין טליתים איינגעוויקלט וואלן־וויך;
די דאמפנדיקע אקערס און לאנקעס,
ווייכוויך־פאנגען פולע מיט ריח־נחוח רוח.

ווי „ס׳ציטערן די פיש אינם וואסער",
פאר גאטס משפט זיי ווערן געראפן גלייך.

וויאניג־צעוואיעט ווינט פארוועלקטער וואלד —
שול פאר שופר־בלאזן זאגט „למנצח";
„ש ד י קרע"! ווי צעשאטנט ווילד ווערט ווינט,
גלייך אויף זשאווער־קייט א הונט א רוצח.

הער, אן־אויפהער קלאפט „על־חטא" א פיקהאלץ,
אין דעמבענעם הארץ טיף־איבן אין דער הייך.

שוואך־שוועלבל־געוויג אויף וויאנע־צעצוויג —
פון מחזור ארויס דער „כאבק פורח";
דער טריפנדיקער רעגן פון הימל,
„תשליך"־טרערן איבער פנים פונם טייך.

זע, ווייט אוועק ווו פארשווינדט נעילה־זון,
נאך א שווערן תענית אויסגעלאשן בלייך.

## ת ש ל י ך

איז דאך גאט מקיים אלע מצוות,
אזוי אין דער גמרא שטייט עס געשריבן;
נו, גייט ער הייאר צום סועץ־קאנאל תשליך,
צו ווארפן אלע עבירות צונויפגעקליבן.

ווער עס איז מקיים אלע מצוות,
מוז דאך עבירות טוען כאטשע אביסל;
אז וואס איז פאר ג־אט דאס קאנאלעכל,
געלעכערטע שאל פון א ווערעמדיק ניסל:

ג־אט, וואס אלע ימים באשאפן האט,
אלע אזשערעס איף דער ערד, אלע טייכן,
זע ווי ימים בלוט ווערן פארגאסן,
און זיצט זיך שטיל אין דיינע הימלישע הייכן.

## „ד׳ ימלוך לעולם ועד״

ס׳האט משה געשפאלטן דעם ים־סוף,
ווי געוואלדיק דאס „אז ישיר״ ליד;
איצט סועץ־קאנאל שוין ס׳פיפטע יאר —
ס׳גליווערט א וואנט באוואכט פון א ייד.

א גערא־טעוועטער פון אוישוויץ,
אן אנטרונענער פון גענאסיד!
אין טויזנט יאר נאך לידער זינגען
ס׳וועלן פאעטן נישט ווערן מיד.

אונטערוואסער־שיפן פון אונטן,
פון אויבן א מיג, א „סאם״ 3 פליט;
און אין שוים־צעכוואליעטען מיטן —
אניה סוערה אהיים ציט!

ס׳בייסט בלוטיק די פויסט זיך דער שונא —
א ים פון כעס ברויזט אין אים און זידט —
ביזגל שלום, „ד׳ ימלוך לעולם ועד״
איבער גארער מענטש אן אונטערשיד.

דער ערד־קיילעך — די קאוואדלע איצט!
ס׳ווערט שווערד אין סאכע איבערגעשמידט;
ס׳פונקן געשפריץ פון אונטערן האמער —
ס׳פייערדיקע „גאה גאה״־ליד.

## מזכיר נשמות

קיין בראנזענע טויערן, שווער געגאסענע,
קיין געמאלטע פענסטער, געקריצטע קארגיזן —
צו אונזער מקום־קדוש טרער־פארגליווערטן,
הויל־הייליק געגאנגען אונטער סטרוי פון שפיזן.



קיין גלעקער, קיין קופאל, קיין קאריאטיד־קאפ
טעמפל־זיילן געקנויל — קרעמאטאריע רויכן!
קעפ אויף קעפ גאנצע קופעס, אפגעהאקטע,
פארמוחנדיק זיך דערגרייכן העכסטע הייכן.

א לעצט ווארט נאך, גסיסה־קרעכץ —
פון הארץ א תפילה ס׳ווערט קיינמאל פארלוירן;
פון טיפסטער פינסטערניש א ליכטיקער קוואל,
רייסן זיך דערהויבן צו הימלישע טויערן.

שטארקער פון פעלזן דאס ווארט געקריצט אין אים,
אויף פארמעט געשריבן און אין בליי געגאסן;
שטארקער פון אלע געווערן דער לא תרצח,
ווי אלע קוילן פון הארמאטן אויסגעשאסן.

יינגלעך פון אוישוויץ ארום די סיני־בערג,
צו שטיין אצינד אז זיי האבן עס באוויזן —
שטארקערפון אלע מיסילס, אלע אטאמען,
ס׳אנוכי־ווארט אויף הר־סיני זיך באוויזן.

## אין א טאג פון רחמים

דער אטלעס־בלויער פארטיפטער הימל,
ווי זילבערדיק ער שפיגלט זיך אין די אויגן;
האט נישט ג־אט אליין פון זיין פוטער־פאס,
א גיך־גאלדענע די זון ארויסגעצויגן.

פארוויאנעטע, ברייט־צעצווייגט דיביימער —
מחותנתטעס פול מיט צירונג באהאנגען!
ניין, ס׳פאלן נישט קיין פארוועלקטע בלעטער —
מיט קלאנג די קייטן ביז צו דער ערד דערלאנגען.

ווי זיי בייגן זיך, ווי זיי בייגן זיך,
און שטאלץ זיי בלייבן שטיין מיטן זייער וואנדלען;
דער מארע־געשארך, דער זיידן געזוז —
זיי באשיטן מיט ראזשינקעס און מאנדלען.

אין אזא סוף־זומער טאג צוגיין בלויז,
די אויגן צום הימל הויך אויפגעהויבן,

און נישט נאר אין גאטס רחמים און גענאד —
אין יעדן מענטש שוין און אין גוטסקייט צו גלויבן!

איינגעהילט אין טול־שליקער ס׳איז דער טאג,
א כלה פון אונטער דער חופה געגאנגען —
א קוילעטש אויפן קאפ טראגן די זון
„באבע־יאכנעס״ כיבוד די ליבע געסט צו דערלאנגען.

## „למה רגשו גוים״

מיר זיינען דאך שוין ככל הגוים,
„למה רגשו״, טא וואס טומלט איר אזוי?
אונזער פאן, צווישן אייערע פענער,
אינם פלאטער פון רויט א פלעקעלע בלוי?

ווי זי געוואשן, אין וויפיל טרערן,
ביז געווארן ז׳איז שפאגל קלארינק אזוי,
ווילט איר זי טונקן ווידער איצט אין בלוט,
זי זאל ווערן פונקט ווי אייערע געני?

מיר זיינען דאך שוין ככל הגוים —
און נאך רייסט זיך פון הארצן ארויס אן אוי:
בלויז דו דער „העושה שלום במרומיו״—
דו, „מי כמוך באלים ד׳ ״ — —

## אזא שטיקל יוצר לשנת תשל״ב

אפשר טרוימען, אפילו פילן,
איז דאך נישט גענוג — מען מוז וויסן!
מיט לעצטן כוח נאך זיך דערגראבן
צום תוך פון מענטשלעכן געוויסן.

צומאל געדאנק שטאל־קלאר דערשליפן —
ווי וואר געחשבונט ר׳איז געווארן —
בלינד פארבלענדט ער, ביז טויז פארלענדט ער — —
רויט ווערט רויז און פארדעקט דעם דארן!

„ויבין כל יציר״ — אזוי גוט פארטראכט,
און אויפגייך עס גייט רק צום שלעכטן;



גאט, נאר דו אליין בלויז קאנסט וויסן
דעם ערלעך־עכטן, ריין־גערעכטן.

„ס׳ברענט דער דארן און ווערט נישט פארברענט,״
אז דעם מענטש דעם סימן געגעבן — —
אזויפיל געחלומט, געבענקט, געדענקט,
ס׳גוטע מ׳מוז דאך אמאל דערלעבן.

„וידע כל פעול״ — אז אלץ געטון,
קאן זיין צום בייזן און צום גוטן — —
אידער ס׳שלעכטס פון דער ערד צעשטערט ווערט,
פארוואס דער מענטש ערשט גאנץ פארבלוטן?

לעצט בלעטל פון דער רויז טויט פארוועלקט,
נאקעט ס׳בלייבט דער שטעכיקער דארן,
בלויז זע, פון מינדסט טראפעלע בלוט נאך,
רויט־צעבליט א רויז דאך געווארן.

## „הריני כפרת ישראל

פאטערלאנד און מאמע ערד,
וויאזוי ביידע פאראייניגן,
„יושבי חושך וצלמות״
אויפהערן שוין צו וויינען?

א נישט דערשאכטענער האן,
ס׳הערט דער מענטש נישט אויף צו צאפלען;
אויפן בלוטיקן בראך־שטול,
געווינערין אין אייך מפלען.

מאמע לשון איינציקע,
פרייד אונזערע נאכן חורבן,
פאר פאטערלאנד אונזערן,
מ׳וויל דיך ברענגען פאר א קרבן.

די ר׳ לוי איציקלעך,
ווי גרינג ס׳טוט זיך זיי איצט זאגן:
„הריני כפרת ישראל!״
און גענוג שוין ס׳גלות־קלאגן.״

בלויז אן מאמע־מילך אויף ליפּ,
וויאַזוי אונזער „סורוויוול״?
אָן מאַמע־ליד אויף גומען,
שמחה פאַרטוישט ווערט אין אבל.

די אלמנה בת־ציון,
וואָס אָן ראָזינקעס און מאַנדלען?
אין איין גרויסע קאַזאַרמע,
ס׳גאַנצע לאַנד טוט זיך פאַרוואַנדלען.

זון, לבנה און שטערן —
די הענגענדיקע מעדאַלן!
די תּפוצות פאַר אַפּילן,
פאַר לעצטן שמד נאָך, טאַטאַלן.

פאַטערלאַנד, מאַמע לשון
וויאַזוי ביידע פאַרבונדן?
אויסוואָרצלען ווי ווילד געוויקס,
ווערטער וויי־פאַרטיפט ווי וווּנדן?

## „די נפילה״ — צוויי סאָנעטן —

א

נישט צייט, נישט אָרט האָבן פאַרשטעלט פאַר זיין בליק,
דאָס, וואָס גייט אָנקומען און דאָס, וואָס וועט זיין,
נאָך האַלבער נאַכט, צו חצות, ווען ער פלעגט אויפשטיין —
קייגן דעם מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

דער חורבן וואָס קומט, ס׳אויסטערלישע אומגליק!
וויפל איינצוהאַלטן, ער פאַרבייסט די ציין,
ס׳גאַנצע הויז פול געוואָרן מיט זיין געוויין —
אויב נישט גאולה — אַלצדינג הבל וריק!

פון תשעה־באָב ביז הושענא־רבה,
ער גרייט זיך צום משיח ברוך־הבא,
אויב נישט פּועלן מיט הייליקן שם ער קאָן —

ביים ימח־שמו כאָטש חלילה ער וועט!
זיין נשמה נאָך פאַרקנסנן מינדסטן שד — —
גאָט, דאָס וואָס ער זעט — רחמנא לצלן.



ב

געשיקט אַ שליח מיוחד צום ייִד,
איז ער צוריק אָנגעקומען מיט גאָרנישט —
פון זיין מ׳קאָן אַראָפּ, מ׳קאָן ווערן צעמישט!
דער לעלעווער פּאַיעט פערד אויפן יאַריד — —

האָט ער זיך דערמאָנט אין קאַלעווערס ליד,
און אַ טרער פון די אויגן זיך אויסגעווישט,
און נייע כּוחות האָבן ס׳געמיט זיינס דערפרישט —
„שכינה, אַ שכינה״ און ס׳האַרץ בטחון צעגליט —

אָבער אין שמיני עצרת אויף דער נאַכט,
נאָך דער „נפילה״ ווען ער האָט אויפגעוואַכט,
האָט דער חוזה־מלובלין טרויעריק געזאָגט:

„וואָס איך, מישטיינסגעזאָגט, געקאָנט טון, אַז ער
מיט זיין מאַדיאַריש פּאַלט אַריין אָן אויפהער,
און דעם גאַנצן ענין דערמיט אָנגעקלאָגט״. . .

## איבער דער פאַפּירענער בריק

— יעקב גלאַטשטיינען צו זיין 75סטן געבוירן יאָר —

די חריפות פון רבי ר׳ שכנא,
די עמקות פון מהרש״ל, דעם מהר״ם,
וואָס פון דעם אַלעם געוואָרן, ווען נישט
אָפּגעראַטעוועט לעבר לים?

כאָטש עפּעס, אַ מקצת מן המקצת,
ווי מ׳ראַטעוועט אַרויס פון אַ פלאַם.

און וואָס געוואָרן, חלילה וחס,
פון חוזה׳ס פייערדיקן, וויטן בליק,
נישט באַצייטנס אַריבערגעבראַכט איבער
איבער דער פעסטער, פאַפּירענער בריק?

איז נישט איבער „מעבור יבוק״ יעקב
נאָך „פּכים קטנים״ געלאָפן צוריק?

גאָרנישט מער ס׳וואָלט דאָך איבערגעבליבן,
געשחטן, געקוילעט, פאַרגאַזט, פאַרברענט —

וועץ נישט אונזערע אותיות פורחות,
געבליבן מיר וואלטן מיט לערע הענט.

ווילאנג עס ציט זיך דער שלשלת־טראפ —
„די גאלדענע קייט" אן סוף און אן ענד.

פייערדיקע פייגל די אותיות,
זיי פליען אריבער ווילדסטן געברויז;
זייערע געזאנגען מען דערהערט נאך
פון אונטער פינסטערסטע כמארעס ארויס.

אין די חשכותדיקע נעכט — די שטערן
שטעלן זיך ליכטיק אויס אות נאך אות.

טאטנס עקידה־ניגון גערעטעוועט,
פאסט מען שוין די ווערטער צו אים צו —
מיט ראזשינקעס און מיט מאנדלען וויגט זיך
לבנה אויף וואלקן — איילולו.

די אייביקייט דער ייד טראגט נאר אין זיך,
וואס דעמלט דער אונטערשיד ווען און וואו?

ח. נ. בענקוויטש

## מיין טאטע אין לאנדאן

מיין טאטע איז אנגעקומען קיין לאנדאן אין יאר 1897 נאך די ימים־טובים, ווען די לופט אין לאנדאן איז שלעכט.

דער לאנדסמאן פון נאוואזיקאוו האט אים גלייך געבראכט צום אלטן ר׳ שניאור, א ייד א שניידער, א פרומער, ארנטלעכער און שיינער מענטש, בערך פיר און פופציק יאר אלט. האט מען אים שוין גערופן „דער אלטער". דעם ערשטן שבת האט ער מיין טאטן געבראכט אין זיין שול אריין, חברה אגודת אחים, נוסח האר"י, אין ניו קאורט, פעשיאן סטריט. די מעמבערס, כמעט אלע רוסישע יידן, האבן מיין טאטן אויפגענומען בכבוד גדול.

אלט איז מיין טאטע געווען בערך זעקס און דרייסיק יאר, א שיינער ייד, א תלמיד־חכם, א גוטער בעל־תפלה און אויך א בעל־קורא. ער האט גלייך געקראגן תלמידים און געשאפן א חדר טאקע דא, וואו ער האט געוואוינט.

איז שוין דאס גוט. אויסגעפירט וואס ער האט געוואלט. פטור פון רוסלאנד, מיט דער האפנונג די פאמיליע וועט זיין צוזאמען. די זין וועלן ניט דארפן זיין קיין זעלנער. אבער ביז וואנען־וואס איז גארניט בעסער,



נאר פיל ערגער. זיין וואוינונג, מיט נאך צוויי בחורים אין איין צימער און דער חדר אין זעלבן צימער צו לערנען מיט תלמידים.

די ערשטע בריוו, וואס מיר האבן דערהאלטן, שרייבט ער, אז עס איז א פריי לאנד; און האט געשיקט א קליינע סומע געלט, אפגעשפארט פון ניט דערעסן און ניט דערטרינקען. ער האט כבוד, אבער פרנסה ווייניק. עס וועט אבער ווערן בעסער, אזוי האפט ער. חיים נח זאל זיך לערנען א מלאכה. איך פאר נאך קלינצי זיך לערנען א מלאכה.

מיין טאטע שרייבט מיר, אז עס איז עפעס בעסער און לאמיר האפן, אז בקרוב וועלן מיר שוין זיין אין לאנדאן. עס איז פארגאנגען מער ווי צוויי חדשים און ניטא קיין שום תשובה. ערשט עס קומט אן א בריוו, א גאנצער פאק און איך האב געמוזט דערצאלן צוואנציק קאפיקעס. איך עפן דעם בריוו, עס ווערט מיר שלעכט. ער באשרייבט ווי שרעקלעך ער לעבט, מיט טרערן אויסגעטרוקנטע אין בריוו — עס גיסן זיך בלוטיקע טרערן — און ער ווייסט ניט אויב דער בריוו וועט אנקומען. אבער ער שרייבט ארום און שרייבט זיך אראפ פון הארצן וואס ער לעבט איבער. איך האב ניט געוואלט איבערלאזן דאס שטעטעלע און זיך איבערציען קיין נאוואזיבקאוו, ניט געוואלט זיין אליין ווייט פון דער פאמיליע, נאר אלץ געטון, כדי מיר זאלן זיין אלע צוזאמען אין לאנדאן. אבער ווי איז מיין לעבן איצט? אנשטאט צו האבן א וואוינונג אליין פאר זיך, א חדר צום לערנען באזונדער, מיט אלע באקוועמלעכקייטן, האבן פון בעסטן עסן און טרינקען בכבוד און ווארטן צו קומען אהיים אין ליבן שטעטעלע צו משפחה, א שיינער בעל־הבית און באזוכן ווידעבאבע; אלץ אזוי שיין, פעלדער, וועלדער, גערטנער, אן אמתע ארץ־ישראל. און דא אין לאנדאן? די עלנטקייט, ארימקייט, די ענגשאפט, פרנסה אויך ניט אזוי גוט. הכלל, עס איז שלעכט, אבער צוריקפארן קיין רוסלאנד איז אויסגעשלאסן. מען מוז נאר האפן אויף בעסער. סוף־כל־סוף וועלן מיר זיין צוזאמען.

עס איז דורכגעגאנגען קארגע צוויי יאר, מיר האבן אלץ אויספארקויפט אין שטעטל. דער טאטע האט געשיקט געלט. אין 1899, פאר די ימים־נוראים, זענען מיר געקומען קיין לאנדאן: מיין מאמע מיט פינף קינדער — איך דער עלטסטער, קארג זיבעצן יאר אלט; די יונגסטע שוועסטער פיר יאר אלט.

אין די צוויי יאר האט זיך מיין טאטע גוט ארויפגעארבעט. מיר זענען געקומען אין א שיינער וואוינונג אריין אויף פראסטיק פלייס, פראסטיק מענשיאנס. צוויי גרויסע, שיינע חדרים מיט א קליינער קיך און א בית־הכסא פאר זיך אליין. דירה־געלט — צוועלף שילינג א וואך, וואס איז געווען א גרויסע סומע פאר יענער צייט.

עס איז געווען א שיינער טאג, די זון האט געשיינט. עס איז געווען אנגעגרייט פאר אונז א מאלצייט, ווייסע חלה מיט קעז און טיי.

מיר זענען שוין אלע צוזאמען, פריילעך, אבער מיין מאמע האט זיך צעוויינט פון שמחה. עס פעלט די אמתע היים, וואס מ׳וועט דאס שוין קיינמאל ניט זען. ניט איר טאטן, ניט מאמע, ברידער און שוועסטער און משפחה.

אבער ברוך השם מיר זענען צוזאמען.

וויאזוי איז דאס לעבן דעמלט געווען? ערשטנס, מיין טאטנס חדר. מיין טאטע האט באמת אוועקגעגעבן זיין לעבן פאר זיין חדר. אזוי האט ער איינגעפירט: די יינגלעך, וועלכע האבן שוין געקענט דאווענען, פלעגן קומען פון זיבן אין דער פרי ביז ניין דאווענען אלע טאג; פון צוועלף ביז צוויי פלעגן אלע קינדער קומען לערנען און פון פיר ביז אכט אין אוונט. אלע טאג, חוץ שבת. אבער איניקע פון די בעסטע פלעגן אויך קומען שבת. איינער פון זיי איז געווען איזי באן, דער באוואוסטער זינגער היינט אין ענגלאנד, א זון פון איש לוי, א שרייבער אין „יידישן זשורנאל", וואו מאריס מייער איז געווען רעדאקטאר איידער ער האט געגרינדעט „די צייט". ער איז אן איניקל פון חיים הענדל דעם מחזיקי־הדת כשר בוטשער.

שכר לימוד איז געווען א שילינג א וואך; איניקע האבן געצאלט א שילינג מיט זעקס פענעס און צוויי שילינג א וואך. עס האט זער אפט געטראפן, אז א ייד האט נעבעך ניט געקענט צאלן עטלעכע וואכן, האט מיין טאטע, אזוי אויך אנדערע מלמדים, ניט געקענט ארויסשיקן דעם תלמיד פון חדר. עס וואלט דאך באמת געווען א חילול־השם!

מיין טאטע האט געארבעט זער שווער פאר זיין פרנסה, נאר די פרנסה איז געווארן בעסער. אבער די ארבעט — שווערער. מיין טאטע האט געדונגען א גרויס הויז און געמאכט באזונדערע קלאסן, געהאט אונטער זיך באהעלפער. ער האט געהאט א נאמען און איז געווען דער בעסטער, אויב ניט איינער פון די בעסטע מלמדים אין לאנדאן. עס זענען נאך דא פיל יידן, וועלכע געדענקען אים און באשטעטיקן דאס און פיל, זער פיל זיינע תלמידים זענען געווארן רבנים, סאליסיטארס און דאקטוירים.

עס זענען אויך געווען דעמלט מלמדים, וועלכע זענען ניט גוט געווען. און דאס איז דערגאנגען צו די לאנדאנער מנהיגים, סעמועל מאנטאגיו, וואס איז שפעטער געווארן לארד סוויטלינג. ער איז געווען דער פרעזידענט פון די פעדערייִשאן או סינאגאגס. אויך איינער א מייקל ליווי, און זיי האבן באזוכט די חדרים. מיט זיי איז געווען הרב חייקין, נאך דעם דיין חייקין. און מיין טאטנס חדר האבן זיי אויסגעפונען פארן בעסטן.

עס איז דעמלט געווען א חשובער מלמד ר' יוסף לעווין, דער פאטער פון הרבנית ברוידי, וואס איז ביז ניט לאנג צוריק געווען דער רב הכולל — טשיף ראביי — אין לאנדאן. אויך כהן לאסק, א חשובער ייד, א חכם און א גרויסער עסקן בצרכי צבור.

צוליב געשיכטע איז ווערט צו דערמאנען אביסעלע קריגעריי צווישן מלמדים און תלמוד־תורות. די ערשטע תלמוד תורה, איך געדענק, איז געווען אין בריק־ליין אין דער מחזיקי־הדת שול, זעלבסטפארשטענדלעך פאר ארימעלייט. זער גוט. אבער זיי האבן אריינגענומען רייכע קינדער, וועלכע פלעגן צאלן שכר לימוד. האט דאס נאך פארערגערט די לאגע פון מלמדים. די מלמדים האבן געגרינדעט א פאריין — אגודת המלמדים. דער הויפט פון



זיי איז געווען כהן לאסק. די תלמוד תורה האט געשאפן א לאטעריע. זענען געגאנגען די מלמדים און האבן געשאפן א לאטעריע צו העלפן די יתומים פון קישינעוו און האבן א נאמען געגעבן דער לאטעריע — „אבי יתומים". האבן די קעגנערס געמאכט געוואלדן, „אבי יתומים" איז דאך גאט אליין, וויאזוי קען מען זיך רופן „אבי יתומים"?!

דער כהן לאסק האט אויך, מיט דער הילף פון מלמדים, ארויסגעגעבן א צייטונג „דער לאנדאנער ייד"; ער אליין איז געווען דער רעדאקטאר, מיט דער הילף פון קלמן מרמר.

עס האט זיך געטומלט. די מלמדים האבן זיך געמערט, תלמוד־תורות האבן זיך געמערט. די לאגע פון די מלמדים האט זיך פארבעסערט און עס איז געווארן אויס קריגעריי.

איך געדענק ניט ווי לאנג דער „לאנדאנער ייד" האט עקזיסטירט. בת־ציון איבערהעמס, א טאכטער פון דעם גרויסן יידן כהן לאסק מוז עס ווייסן.

מיין טאטנס קהלשע ארבעט. אין זיין שול — די ערשטע צייט סעקרעטאר א קורצע צייט; בעל־תפלה, בעל־קורא, יארן לאנג פרנס אדער גבאי. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון לינת־הצדק וביקור חולים געווען דעמלט פרוי פארטוגאל און דער חשובער מלמד יוסף לעווין. נאך דעם איז צוגעקומען ליפשיץ דער מלמד, א גרויסער טוער אין יידישן לעבן. זער פיל צייט האט ער אויף דעם אוועקגעגעבן. מיט יוסף לעווין האט ער זיך געהאלטן זער פריינטלעך. ער איז געווען זער א באשיידענער, ליבער ייד. איך געדענק זיי ביידן ארומגיין און קלייבן גרויסע נדבות פון בעלי־בתים און אויך קליינע. ער איז געווען א צייט לאנג וואס מען פלעגט קומען צו אים נאך צעטלעך אויף הילף פאר קראנקע און ארימעלייט. פאר מיין טאטן איז קיינמאל געווען צופרי אדער צושפעט. ער האט אלעמען ארויסגעהאלפן.

אונזער שול האט זיך אנגעשלאסן אין דער ציוניסטישער פעדעראציע און אפט פלעגט מען זיך אביסעלע קריגן מיט קעגנער. עס איז געווען א גליק וואס הרב חייקין איז געווען א ציוני, האט די שול באלאנגט צו דער פעדעריישאן. נאר ווי ער איז אוועק קיין ארץ־ישראל און עס איז אנגעקומען א נייער רב, א גרויסער תלמיד־חכם אבער פון דער אגודת־ישראל, איז די שול געווארן אויס ציוניסטיש. אונטער דער צייט האט די שול זיך פארייניקט און געקויפט א גרויסע שול אין אלד קאסיל סטריט אין די ליין, זענען צוגעקומען פיל נייע מעמבערס, פיל גאליציאנער, חשובע יידן. האט מען זיך אביסעלע ארומגעקריגט, אבער אין כלל איז דאס געווען א שיינע שול; איבערהויפט דער חשובער רב חייקין, זייענדיק א לובאוויטשער חסיד און דאווענער לויטן נוסח האר"י. און עס זענען זער פיל חלמידי־חכמים געווען אין שול און פיל בעלי־תפלה און אלע האבן געוואלט דעם עמוד.

געווען דארט איניקע זעלטענע טיפן; ר' מענדל חייקין, א שיינער ייד, זער א פרומער, דער גרינדער פון וויין־געשעפט אין בריק־ליין. עס פלעגט אויסברעכן אביסל קריגעריי דערפאר וואס ער האט געוואלט איינפירן מער

פרומקייט. למשל, יום־כפור נאך מעריב, ווען אלע האבן שוין געוואלט לויפן אהיים זיך אפפאסטן, האט ער געוואלט אויפהאלטן. אבער ער איז געווען זער א חשובער ייד א בעל־צדקה. עס איז געווען א ר׳ מרדכי זאב, א ייד א תלמיד־חכם פון וויטעבסק, אבער ער האט ניט מדקדק געווען אויף עברי און האט געוואלט זיין א בעל־תפלה. ער האט זיך ניט געקענט אפגעוויינען פון זאגן „שים סלום״. און נאך פארשיידענע טיפן, אבער באמת שיינע יידן.

— איבער די אלע טיפן און איבער די כתבים פון מיין טאטן, אי״ה אז די כחות וועלן סטאיען —.

עלא זילבערג

## ווידער א תפילה

מיט דיר אין הארצן,
איך האב כח נאך צו לעבן.
מיט דיר אין הארצן,
איך וועל די האפנונג ניט אפגעבן,
דער טאג איז נאנט,
ווען דו וועסט זיך באווייזן,
די קינדער פון דיין פאלק,
פון יאוש אויסצולייזן.

מיט דיר אין הארצן,
די שמערצן ווערן קלענער,
די פארסמ׳טע וועלט,
ווערט פילמאל שענער,

אזוי לייכט עס איז,
די האפנונג אויפצובויען,
ווען דו ביסט נאנט צו אונז,
מיר קענען דיר פארטרויען.

אונזער תפילה איז,
„דו זאלסט אונז ניט ענטווייכן״
מאך עס ניט צו שווער,
דיין גרויסקייט צו דערגרייכן,
דיין הילף איז נייטיג היינט,
די וועלט זי גייט פארלוירן,
באוויז דיין נס אצינד,
ווי דו האסט אונז געשווארן.

אסתר ערלעכמאן

## ראש־השנה

אזוי ווי יעדער יאר ווען עס דערנעהנטערן זיך די אזוי גערופענע פארכטיגע טעג, די ימים טובים, וואס זיינען א געמיש פון פרייד, טרויער, און געבעט, טראכט איך וועגן דער אנדערשקייט, פון אונזער יידישן ניי יאר, אין פארגלייך, מיטן ערשטן יאנואר. דער אונטערשייד איז, וואס דעם עטרשטן יאנואר, פרייט מען זיך, מ׳באגעגנט דעם נייאר, מיט באגריסונגען, ווינטשונגען, און געזאנג. מ׳איז צופרידן, וואס דער אלטער יאר, וואס האט געבראכט פארשידענע געשעענישן, און אומגליקן, טרעט אפ. דעם וועג, פאר א נייעם יאר פון האפנונגען, פאר בעסערס. אבער אונזער ראש־השנה, הויבט



זיך אן מיט תפילות, געבעט, און טרערן. און ערשט נאך טעג און טעג פרייט מען זיך מיט דער תורה, און זיכערקייט, אז דער געבעט פאר א גוט יאר, איז גינסטיק אנגענומען אויפן הימלישן געריכט.

און אט די געדאנקען פירן מיר אוועק ווייט צו דער אלטער היים. צו די קינדער יארן, און איך זע פאר מיינע אויגן, מיין וואונדערליכן טאטן, איך זע אויך מיין גוטן פעטער הירשל, און מיין פעטער נישע, אט די דריי גרויסע למדנים. זע איך ווי זיי שטייען ביי די שטענדערס אין בית המדרש. איינגעוויקלט איבער די קעפ אין די טליתים, און איך הער ווי זיי זינגען אויס מיט וואונדערליכע שטימען דעם היום, הרת עולם.

דאכט זיך מיר אין הער מינוט אז ניט נאר דער מענטש גיט א ציטער, נאר ווי מ׳זאגט אז אפילו א פיש אין וואסער גיט א ציטער. אט די שיינע, ארנטליכע, גוטע, הומאניטארע מענטשן וואס זיינען ניט די איינציקע ביי אונז אין שול. זיי מיט זייער אמתן גלויבן, זיי וואס זיינען אזוי ריין פון זינדיקן. און האבן א גאנץ יאר געטריי געדינט דעם וועלט באשעפער, און האבן אין זייער לעבן קיין שפין ניט צוטראטן, פאר וואס האבן זיי אזוי געוויינט און געבעטן פארגעבונגס. דאס איז א ניט פארענטפערטע פראגע!

אבער פאר אונז קינדער, זיינען די יום טובדיקע טעג, געווען פול מיט פרייד, און וואונדער, בלויז דאס זאגן זיבן מאל דעם למנצח פארן שופר בלאזן. ביי אונז איז געווען א מנהג אז ראשה השנה, איז מיידלעך דערלויבט געווען צו שטיין אין דער ווייבערשער שול. און דאס האט אונז געגעבן די געלעגנהייט בגניבה אריבער צו קוקן צום גוטן טאטן ווי שיין ער דאוונט. און די פעטערס. און באך אזאך וואס מ׳קען ניט פארגעסן די העלע קליידלעך, מיט די ווייסע שלייפעלעך אין די צעפ, דאס איז געווען א סגולה צו א ליכטיק יאר! און אפילו הער יום כיפור האט אונז געגעבן פרייד און א ביסל זיכערקייט אין זיך אז מיר זיינען אויך מענטשן, און מיר טראגן צו אונזערביישטייער, צום גרויסן יום הדין מיט דעם וואס ערב יום כפור האבן מיר א גאנצן טאג געגאשט, פון אלע גוטע זאכן וואס די מאמע האט צוגעגרייט, ווייל מיר האבן ביי יעדן נאשעריי באזונדער געמאכט א ברכה, און די ברכות זיינען דאך אזוי נויטיק געווען דעם טאג מיט איין זאך זיינען מיר ניט געווען צופרידן, און דאס איז מיטן כפרות שלאגן. עס האט אונז ווי געטאן דאס הארץ פאר די אומשולדיקע הינדעלעך און העגדעלעך. אבער מיט איין שטיקעלע האט מען אונז דערלויבט אז אנשטאט עופות, זאלן מיר מאכן דעם זה כפרתי מיט געלט. און ביים ליכטבענטשן האט די מאמע געוויינט און געבעטן ביי גאט אונז צו שענקן געזונט און לעבן. צום פאסטן זיינען מיר געווען צו יונג. איז הער יום טוב פאר אונז געווען א פאלקאמענער, און אויף מארגן נאכן אפפאסטן דעם טאג, נאכן עסן האט דער טאטע געעפנט אין אונזער הויז דעם פליגל, וואס איז געווען באשטימט פאר א סוכה, און דער יידישער גוי האט שוין געהוסט צו ברייגגען פון וואלד דעם סכך צום צודעקן און די סוכה איז געווארן פארטיק און מיר די מיידלעך האבן זיך פארנומען מיט דער

דעקאראטיווער זייט. און בענטשן דעם אתרוג איז אויך נישט געווען קיין קליינעקייט. און דער טאג שמחת תורה איז געווען העכסטער פונקט פון פרייד און שטאלץ איבערהויפט ביי די הקפות. ווען מיין טאטנס תלמידים האבן עס ארומגערינגלט און געזונגען אונזער רביניו, אונזער רביניו, אזוי איז דאס געווען אמאל אין דער אלטער היים ביי די פרומע יידן, און ווען מיר זיינען יונג געווען!

שפעטער אין פרעמדע, ווייטע, לענדער, האט זיך אלץ געענדערט. א אנדער גלויבן, א אנדער שטייגער לעבן, דער גלויבן אין א גערעכטער וועלט, אין א וועלט פון פארברידערלונג אין שלום, אבער א בייגקשאפט איז פארבליבן. ווייל דער חלום פון פעלקער פארברידערונג איז נאך ווייט!

בלייבט מיר איבער צו ווינטשן אז דער נייער יאר זאל דאס אונז ברייגגען. ווינטש איך אלעמען שנה, שנה טובה.

י. ה. בינענפעלד

## ווו קיין מענטש נישט פארהאנען

מיין הארץ איז צעריסן,<br>
ס׳בלוטיקט פון אלע זייטן;<br>
איך קאן מיר קיין ארט געפינען,<br>
נישט דא, נישט דארט, נישט אומעטום.

ווי די ערשטע שטערן אין הימל,<br>
ליכטיק נאר ווערן,<br>
צו זיי וויל איך פליען,<br>
ווו קיין מענטש נישט פאראנען,<br>
און מיין נשמה אויסהויכן.

א. נ. שטענצל

## דער נייער אנהייב (שלוס פון קאפיטל)

3

ארויסגעקומען מיט אלטערן אויפן מארק, בין איך געווען „אינדערהיים" — גאנץ אין פראנט מיט זיינע שטרויענע היטן און מיט זיין פילאזאפיש־צעשטראלטן קאפ געקרייזלטע האר איז געשטאנען מאסטבוים; ער האט זיך געפארעט אויסצושטעלן וואס פאעטישער זיין קראם. די שיינע, יונגע צוהעל־פעריק, נאך פון האנאווער, איז געווען די סאמע סוחרטע, די באלעבאסטע — זי איז שוין געווען זיין געזעצלעכע פרוי.

ער איז געווען אזוי פארטיפט אין זיין „עסטעטישער" ארבעט, אינם אויסמארשירן די מוסטערן פון די רייען פון די היטן, אז ער האט קיין מענטש נישט געזען.



אבער נישט נאר ביי די ערשטע רייען פון די מארק־טישלעך, פון די בידלעך פון די פוץ־זאכן און טואלעט — הינטן ביי די אונטערטישלעך פון קאלירטע מייטקעס און ספודניצעס האב איך דערזען דעם „דעלעגאט" פון רהיינלאנד ביי דער ארבעט־קאנפערענץ דעמלט מיט דריי יאר צוריק וואס האט „איינגענומען וועלטן" מיט זיינע פראלעטארישע „סלאגאנס": „פראדוק־טיוויזאציע", „קלאסן־באוואוסטזיין".

אין ערשטן מאמענט, מיך דערזעענדיק, האט ער די אויגן אראפגעלאזט, דעם קאפ אוועקגעדרייט, אבער באלד זיך געכאפט, זיין שותף עפעס איינגע־רוימט אין אויער און צו מיר חבריש צוגעלאפן:

„וואס טוט איר דא, מה לכהן בבית־הקברות? ווי האט איר דא פאר־בלאנדזשעט?"

אלטער, שוין העלפנדיק ביי זיין בעל־הבית, האט צו מיר א קוועטש געטון מיט איין אויג, ס׳הייסט: זיי נישט קיין פרייער און וויס ווי צו האנדלען מיט דעם יאלד . . .

דער דארטמונדער חבר אין זיין באגייסטערונג האט מיך ממש נישט „צוגעלאזן צוםווארט", מיר אנווייזנדיק אויף „נאך איניקע רהיינלענדישע גענאסן", וואס האבן זיך געפארעט ביים באפעסטיקן די „קאזשלעס", די דרענגער.

זיי האבן מיך אויך דערקענט פון יענער דארטמונדער, קאכעדיקער צייט, געקומען אנצולויפן און אונז ארומגערינגלט:

„הא, געווען א צייטל, א לעבן? וואו איז אדלער? און וויעוויארקע לעבט נאך?"

„לאזט אים אפ, ער איז מיין גאסט. נאך דער ארבעט טרעפן מיר זיך אין ׳רויטן האן׳ און מ׳וועט אלץ באשמועסן און מ׳וועט פאסן באשלוסן" — ער איז אין זיין צעקאכטער באגייסטערונג אריין אין זיין אמאליקער טער־מינאלאגיע . . .

זיצנדיק ביים טישל אין א קנייפעלע, האט ער מיך אין זיין נערוועזקייט און אויפגערעגטקייט, גארנישט צוגעלאזט צום ווארט. אפנים א דראנג זיך צו ווען עפעס פארענטפערן, דאס חרפה־געפיל צו וועלן פארדעקן, וואס פון א פראלעטאריער פון דער ערשטער מדרגה פון פראדוקציע, פון א קוילן־גרעבער אין א טיפער שאכט, איז מיצקע דריבען ארויסגעשפרונגען א „קליינבירגער" פון לעצטער מדרגה — א מארק־שטייער מיט קאלירטע מייטקעס! — האט אין אים מער געברענט ווי מיין זוכן א מין פארדינסטל אויסצוקומען דעם טאג.

ער האט דא ביים טישל, שוין ביי דער צווייטער טאסע קאווע, נישט נאר פארטיידיקט זיין כבוד, נאר פון אלע זיינע חברים, וואס שטייען דא ביי די טישלעך און רופן קונים מיט די יידישע אויגן, מיט די פראלעטארישע הענט, מיט זייער גאנצן לייב און לעבן.

„איך פארשטיי איר קומט פון א לינקער צייטונג אונז צו באשרייבן —

כשר גערעכט! אבער האבן מיר אן אנדער ברירה געהאט? מיטן מאמענט ווי דער גאלדמארק האט זיך סטאביליזירט, האט מען ס׳גאנצע ביסל יידישע ארבעטער אפגעזאגט פון די קוילן־גרובנס, פשוט משלח געווען, ארויסגעטריבן — „דער נעגער האט זיין ארבעט געטון, דער נעגער קאן גיין״.

ער איז אריין אין זיין עלעמענט ווי ער וואלט געשטאנען פאר אן עולם אויף א „קאנפערענץ״:

„אין דער מלחמה האט מען אונז געכאפט אין די שטעטלעך און דא אהערגעברענגט. כמעט צען יאר שוין — ביז זיך צוגעוואוינט צו דער שווערער הארעוואניע, צו די געפארן יעדע רגע. יעצט אז דער דייטשער סאלדאט האט אויסגעטון דעם שינעל, די מאגנאטן שטייען אויף זיכערע פיס — אלץ נארמאליזירט! — האט מען אונז געהייסן גיין. אלץ, וואס מיר האבן געקריגן, איז געווען צוויי באצאלטע וואכן און וואוינרעכט . . . אבער וואס הייבט מען אן צו טון?״

זיין טאן ווערט שטילער, פארמאטערטער, פארשעמטער:

„די שטארקע, די מער־באוואוסטע, די לינק־פראלעטארישע האבן זיך געלאזן נאך פאלעסטינע, נאך בעלגיען, נאך פראנקרייך. מיר האבן אויסגעטון די שעם־היטלעך, צוזאמענגעקלאפט א ׳קאזשיאל׳, א ׳סטראגאן׳, סחורה געקריגן אויף בארג און, גאט זיי דאנק, נישט צו פארשעמען. מיר ארבעטן זיך ארויף״. .

„אבער״, וויל איך אריינווארפן א ווארט.

„וואס הייסט ׳אבער׳? ווי וויים מ׳קאן, האלטן מיר זיך צוזאם. אין ערשטן מאי, למשל, זענען מיר געגאנגען א געשלאסענע חברה, מיט אן אייגענער רויטער פאן מיט גאלדענע, יידישע אותיות ׳פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט אייך׳ ״ — האט זיין פנים ווידער געצומען שטראלן.

„אדרבה״, פאל איך אים אריין אין באגייסטערונג: „וואלט איך דאס געוואוסט.״

דערזעען מיין באגייסטערונג האט ער זיך ערשט צעהיצט:

„מיר האלטן ביים גרינדן א יידישן קולטור־קלוב, אבער דא רייסט מען זיך שוין ארום איבער דער ׳העגעמאניע׳.״

מ׳זעט ווי ער האט א הנאה פון דעם געלונגענעם ווארט ווי פון דעם שטיקל צוקער, וואס איז אים געבליבן אין מויל נאכן לעצטן שלוק ביטערע קאווע — ער האט עס ווי אויסגענאטשט . . . ווי ער וואלט עס זיסלעך געזויגן.

„אבער מיר וועלן מסתם אדורכקומען! די בונדישע טוער ביים ׳שלום־עליכם קלוב׳ אקארשט געגרינדעט, ציען צו די פאר געגנאסן זייערע און מיר, די לינקע פועלי־ציון און די קאמוניסטן, וועלן שוין אדורכקומען, געפינען א געמיינזאמע באזע. מיר האבן דא א חבר טורנער, ממש א טראצקי־קאפ.״

„און וואס איז מיט אלטערן?״

„דאס איז א יידישער עקשן. ער איז טאקע אן אמתער טראצקיסט!״ איך האב מיר דערמאנט אין אלטערס קוועטש מיטן אייגל און שוין



געווען גרייט אנהייבן רעדן וועגן תכלית, אבער ער האט זיך פלוצלונג אויפגערעגט, א שטעל־אויף געגעבן:

„איך וועל ארויסלויפן אפלעזן מיין שותף. כ׳וועל אים אהערשיקן, אן אייגענער יאט. איר קאנט אים מסתם פון יענע יארן נאך אין רוהר־געביט.״

„ווייסט איר וואס, איך קום מיט אייך. כ׳וועל מיך אביסל ארומקוקן״. .

ווען מיר זענען ארויסגעקומען, האט דער מארק שוין „געזשאבעט״. ער איז שנעל צו צו זיין שותף און איז אריין אין זיין עלעמענט. אלטער, מיך דערזעענדיק א פארלוירענעם, האט מיך א ריף געטון מיטביידע אויגן און מיר אנגעוויזן וואו איך זאל שטיין בלייבן צו זעען מ׳זאל נישט „לאטכענען״ — פטור בלא כלום וועל איך שוין נישט אוועק.

נאכן מארק, ווען מ׳האט אנגעהויבן „פאקן״, האט אלטער מיר געגעבן א צי ביים ארבל: „קום שנעל, לאמיר ׳פארדופטן׳ פון די ׳יאלדן׳. זיי וועלן דיך מאכן ׳קעלביק׳ — אין ׳רויטן האן׳ קומען זיך צוזאם די ׳ריכטיקע גענאסן׳ — וואס בעסער דער מארק איז געווען, וואס מערלייזעכטס, אלץ ערגער לאזט זיך אויס. קום שנעל, יענער חבר דארט, ׳דער דעלעגאט׳, קוקט שוין אויף דיר . . לאמיר זיך אפטראגן . . מיר וועלן אריין ערגעץ אויפן וועדינג. די פונדע וועסטו היינט באצאלן פון דיין ערשטן פארדינסטל״ איז ער ארויס מיט א הילכיק געלעכטער ווי אין דער פרי ביים אריינשפרינגען אין די אויסגעפרעסטע הויזן: „ס׳איז א גאנצע מאטניא״!

אלטער איז ווידער געווען אין זיין עלעמענט, און איך נישט ווייניקער.

* * *

ביינאכט, ווי אפגעשמועסט, אויף דער מינוט — מיט דייטשער פינקטלעכקייט — מיט א זיכערקייט אין מיר ווי א פארדינער, בין איך אוועק צו די מילערס.

איך האב זיי געטראפן גרייט צום אוועקגיין! און אפשר זענען זיי אקארשט אנגעקומען? האב איך געטראכט. איך בין דאך איינגעלאדן צום אונטערבויט . . ניין, דאס עקסטראוואגאנטע, דעם קינסטלער־הוט זיינער אזוי אויפן אויער, ווי פארן שפיגל נאך שטייענדיק, דער פארפום־שפריץ אויף איר בלאנדער פריש־צו געקעמטער פריזור, ווי ער וואלט נאך איבער דער שטוב ארויסגעשוועבט . . .

מיך דערזעענדיק, איז דאס „געניאלע״ פייערל אין אירע אויגן לעבעדיק א שפרונג־אויף געגעבן, א סאלטא־מארטאלע געמאכט ביז אראפ צו דער שמאל־פארצויגענער ליפ און געבליבן דארטן סודותדיק באגראבן מיט אן איינגעהאלטענעם, דערשטיקטן קוויטש פון א האלב־טאן . . . עס צו פארטושן עס איינצושטילן אביסל, זיך גענומען ריכארדס קינסטלער־שלייף איבערצובינדן . . .

מילער, ווישנדיק די ברילן, פארקוועטשנדיק די אויגן, עפעס אויך ווי ער וואלט אין זיי געוואלט וואס באהאלטן — נאר ס׳קומט אים שווערלעך אן: „ס׳איז געקומען אן אייל־בריוו פון א קאלעגע צו א פרעמיערע פון זיינס

א לידער־אונט. אומבאדינגט מיר מוזן גיין. די שאנק־ביכער שטייט צו באדינונג . . פאר צוויי שעה וועט געניגן״.

„אויפ־ווי־דער־זעען, הערר פא־עט!״ האט עס אויסגעזונגען אין אלע גאמען פונם טאן־שליסל און די טיר האט זיך צום טאקט פארהאקט. די צוויי אויגן־מענטשלעך האבן נאך ווי דורכן שליסל־לאך געניאל צו מיר צוגע־וואונקן—עפעס איז דער צו היכער שלשלתדיקער „אויפ־ווי־דער־זעען!״ דער דריי פונם בליק צו א זייטיקער טיר איז נישט געווען צו מיר . . צו עפעס א רואה ואינו נראה דא וואו . . איך האב מיך אומגעקוקט און געזען די שאנק מיט ביכער. גאנץ אין פראנט מיט גאלד־גלעלישטע ריקנס די געזאמלטע ווערק פון וואלפגאנג פאן געטע —

שטייענדיק א ווילע ביי דער ביכער־שאנק, הער איך פלוצלינג דער־שראקן ווי „יענע״, זייטיקע טיר עפנט זיך אויף. איך דריי מיך פלינק אום און דערזע אויף דער שוועל, ווי איינגערעמט אין א רעם, א יונגע פרוי, — אינמיטן ארויסטרעטן איז זי שטיין געבליבן פון שרעק ווי פארגליווערט; א פריש־אויס־געצוואגענע, דאס בלוזקעלע, האלב אפן. נאך נישט גאנץ פארקנעפלט, מיט קוים צוגעקעמטע, נאך נאסע האר. דער אויפגעריסענער צוק אין די אויגן הינטער די פונקלענדיקע ברילן א פארוואונדערטער, דאס מויל אפן, ווי צומאויסשרייען — א העגא פון א רעם ארויס! . .

איך בין באלד געקומען צו מיר: דאס הייסט געשפילט, דאס הייסט געשיבט קוליסן! א רגע געווארט אויפן רעפליק — ממש הארץ־פארכאפנדיק אינסצעניזירט.

דאס איז אפנים דער „געניאלער״ איינפאל אין פרוי מילערס בליק שוין ביי מיין דא זיין ס׳ערשטע מאל, דעמלט פאר דער טיר שטייענדיק . . .

כ׳האב געפרואווט שמייכלען, א שריט געמאכט צו דער טיר און דער פארגליווערטער פארטרעט, וואס איז פון דער רעם ארויס האט באקומען א מענטשלעך פנים.

איך האב מיך פארגעשטעלט מער מיטן צוזאמענקלאפן די אפגעריבענע אבצאסן ווי מיט ווערטער.

אזוי ווי די אקייגנקומענדיקע איז אויף דעם אויך נאך נישט „צוגעגרייט״ געווען, האב איך מאריאנעטיש־פלינק, ארויסצוהעלפן איר פארלעגנהייט אומבאהאלפן, ווייטער געצויגן:

„א שיינע ביבליאטעק. וואס קומט אבער ארויס, אז איך בין נאך שטומפיק ביים לעזן. פארשטיין פארשטיי איך שוין, אבער די אותיות זענען מיר פרעמד״.

„איך בין דאך שליסליך איינע לערערין . . צוואר . .״

פון הינטער די ברילן האט עס א בליץ געטון, אבער דער זאץ איז אומבאהאלפן אינמיטן שטעקנגעבליבן . . . פלוצלינג, אין דער רגע דערמאנענ־דיק מיך — דאס דייטשע ווארט וואס די לאסקער־שילער פלעגט אפט באַ־נוצן! — ווי דאס וואלט טאקע געווען דער רעפליק צו דער איצטיקע סצענע:
„פא־בעלל־האפט!״ האב איך דאס ווארט טעאטראל אויסגעשריגן.



„אבער טוען זי דאך, ביטע אום גאטעס ווילן, אויס די ברילן,״ האב איך מיטאמאל געטומען ריידן „געבילדעט״ האך־דויטש . . .

צי האב איך איר געוואלט זעען גוט אין די אויגן אויב זי איז נישט מיט־פארמישט אין דעם „געניאלן״ איינפאל? אדער איז דאס טאקע, אזא מין סצענע פונם געפילן־צעריסענעם נאכמלחמהדיקן, ווייִמאר־דייטשלאנד?

דאס בוך, וואס איך האב געהאט ארויסגענומען פון שאנק און געהאלטן אין האנט, איז געווען א בוך פון געטען — „פאוסט״.

איבער א שעה האט די יונגע פרוי מיר געלעזן מיט א נאאיוו־מיידלשער שטימע. אין אנהייב אביסל קינסטלעך, אריינקומענדיק טיפער אין דער „גרעטל־טראגעדיע״, אבער וואס ווייטער אלץ אינערלעכער, אלץ פארטיפטער — די ווערטער, וואס איך האב נישט פארשטאנען, אבער איר אריינטייטש אין זיי האב איך דערפילט.

איייניקע מאל אינמיטן פארלעזן האב איך זייטיק אויפגעהויבן מיין בליק — די גלעזלעך פון די קלאר־בליציקע ברילן זענען אלץ מער איבערגעלאפן געווארן פונם פארלייענען געפיל־ווארעמען פון מיין טיף־אטעמדיקן פאר־כאפטן צוהערן.

## אין הייד־פארק

פאר בריאיק ווארט ארט נאך געבליבן קוים
עס אויסצוברומען ווי בין אונטער בוים,
עק הייד־פארק אין כרך־לאנדאן אינמיטן.
אז ס׳קומט זונטאג, עולם נעמט זיך שיטן.

ווי ארבעס פון א צעריסענעם זאק:
א בארוועסער „היפי״, א לארד אין פראק,
שווארצע, ווייסע, געל־פארבלאסטע, ברוינע,
אן אנגעפודערטע אלטע זונה.

אז ווער־זשע עס קומט אלץ נישט דא אהער?
דארט שטייט דיאגענעס אונטער א לאמטער!
זע, סאקראטעס מיט פארקנייטשטן שטערן!!
ער רעדט שוין נישט, שטייט בלויז צוצוהערן.

ס׳קלבען זיך ווערטער — ארבעס צו דער וואנט.
און אט הייבט שוין איינער אויף גאר א האנט!
דאס שנאה־געריש, דאס האס־גערודער
צווישן מענטש און מענטש, ברודער און ברודער.

פראפאגאנדע צעהיצט — די רויטע פאן!
די בלוי־ווייסע ביבליש גרויס אויבנאן,

די איירישע, גרין־גיפטיק גרימיק פאכן,
די רעדנער — זידיקע קעסלען קאכן.

א נס פון אלע זייטן די פאליציי,
קאן נאך אלץ זיין אזוי וואונדערלעך פריי;
אט, זיי אויך נאך מיטן „תפילין־וואגן“*—
א רוח־דער־מלמד אנגעטראגן!

טאנצט אריין א שווארצע אינמיטן ראד,
פארשארצט דאס „מיני“־קליידל: „לארד מיי גאד“!
אז חברה „היפיס“ מיט מאנדאלינען
אראפ שוין אינגאנצן פון זינען.

„יעזוס מאריא און הייליקער גייסט“!
דער גוטער־יאר זיי אלעמען שוין ווייסט:
זע, דער בלינדער מיט די קרעלן־ציילער
טאפנדיק מיט די ציינלאזע מיילער — —

עניוותדיק שטיל מ׳בלייבט דעמלט שוין שטיין,
נישט מער צו וועלן וויסן, צו פארשטיין;
און אין דעם ווילדן, רוישיקן טומל —
מ׳הויבט אויף די אויגן צו גאט אין הימל:

א וועלטל האסט דיר באשאפן, אוי ווי,
נאך גוט וואס אין „קארנער הויז“ מיט איין „קאפ“ טיי,
דאס אלץ פונם הארץ מ׳קאן אראפשווענקען,
ווייטער קענען ווארט דענקען אויסבענקען.

ערשט מ׳לאזט זיך נאך אראפ צום סערפענטיין,
ביי טעפעלע קאווע איינער אליין,
וואסער ווערטער גוט־אויסטראכטן דארטן,
פולע שבעה ימים, גאנצע פארטן —

דו פארסט, דו שווימסט וואו די וועלט האט אן עק,
פון אלע שטעט אלע מענטשן אוועק — —
איבער דיר אין בוים דער פויגל צעזונגען,
ווי דיר מסתם ס׳ליד איצט אים געלונגען.

II

שפיגלט זיך דער הימל אין די וועלן,
לייך איך פון די שטערן פונקט פארקערט;
בלייב איך זיצן איינער אליין אזוי,
מיט הארץ פארצערט און אויגן פארטערט.



אין דער פינסטערניש א פאטש פון וויאסלעס
פון א שווארצער לאדקע כ׳האב דערהערט:
איז אט־א דאס דער אנהייב און דער סוף
פונם מענטשן־קינד דא אויף דער ערד?

שטייגט א פארל פונם שיפל ארויס,
מזל־תאומים — לבנהניש פארקלערט:
נישט פון א פארקרומטן, מוטנעם טייכל,
„פון הימל ליי׳נט מען וואס ס׳איז באשערט“.

III

אויפגעהאנגען אויף דער ווערבע
אונזער שפילנדיקע פידל,
אבער פון א צווייגל א דודע
אויסצופייפן א שטילינק לידל.

ווי קונציק געטאקט, געשניטן,
יעדעס לעכעלע אין פייפל —
ממש א לאך טיף אין הארצן
פאריאושטן, פול מיט צווייפל.

א קוועלעכל, א וועלאכל,
גיסט זיך זיס וואלאכל־ניגון;
א פייפל פון גאט אליין שוין,
ביטערסט הארץ נאך איינצוואוויגן —

מיט שטילן ציטער פון פינגער,
און מיט אויג טרערן־פארנעצטן;
אויף לעצט לאך נאך אויסצופייפן,
און מיט אטעם, מיטן לעצטן.

## אין אן אלול-טאג

— מיין פלימעניק נחום שטענצעל און זיין פרוי מרתא צו זייער זילבענער חתונה —

א

הונדערטער, טויזנטער רעדער יאגן, לויפן,
אויבן עראפלאן נאך עראפלאן אנגעפלויגן,
און איך ווארט נאך אלץ משיח קומען צו רייטן
אויפן ווייסן פערדל מיט ליכטיקע אויגן.

דאס טרויעריקע, מרה־שחורהדיקע הארץ מיינס,
ווי אמאל נאך אלץ פול איז מיט קינדישן האפן — —
אט־זע אין דעם ווילדן, משוגענעם יאגן,
ווי פון מקווה ארויס א פערדל אנגעלאפן.

איך קוק עס אן מיט אויגן ווייט אויפגעריסן.
ניין, משיח קומט נישט קעניגלעך אן צו רייטן.
ווי קליין ס׳איז און דעם וואגן וואס ס׳שלעפט ווי גרויס ר׳איז,
ווי ס׳דעכען פארשוויצט די איינגעפאלענע זייטן.

ב

פליען מען טוט שוין ארויף צו דער לבנה,
פארוואס נישט אליהו אויף פייער־רייטוואגן?
ארויס צו די הימלען געטון טוען פליען
און צוריק איצט משיחס קומען אונז אנזאגן.

צי האט נישט מיין טאטע אליהון געזען,
צי האט נישט מיין ברודער אזוי־אפט אים געטראפן,
און איך — בלייבן אצינד מיט א לאך טיף אין הארץ
מיט האפן אין־סופן, וואס בלאפן רק מיט סטראפן?

הער, אין געסל דא ס׳הערט זיך א שופר בלאזן — —
שופר־של־משיח — קאן דען זיין הער נס נאך גרעסער?
און מיין הארץ פראלט אויף מיט אזא קינדישער פרייד,
א לאבירינט וואס פראלט אויף מיט טויזנטער שלעסער.

## שקיעה־זון

פון אקייגן די שפיגלדיקע זון אין פענסטער,
ווארפט א קאלטן ווידער־שיין אויף מיין וואנט;
דער סוף־אקטאבער־טאג אין מיין סמיטענעם שטיבל,
ציטערט אויף פון א גלעטנדיקער האנט:

פון ווייט ווו נאך הינטן צוגעווארפן א ווונק,
די אוועקוואנדערדיקע לעצטע זון;
ווען זי פרילינג צוריקקומען וועט דאך דיין שויב,
מיט א ווונק מיר מודיע זיין דערפון.

איך זאל נאר נישט בלייבן קיין בעל חוב מייך שכן,
וואס ווינט פענסטער צו פענסטער קייגן מיר — —
אז די שויב בלויז גאנץ בלייבט, וואס שוין גרויס דער חילוק,
איך א ביסל שפעטער, א ביסל פריער.



## „זכור כי עפר אנחנו"

נישט קיין מת מיך קובר זיין אין דער ערד —
צוריק וואס פריער געווען פון מיר ווערט.

בליען עס וועט, וואקסן א בלום, א בוים —
ס׳לעבן וואס צווישן געווען, נאר א טרוים.

געזוכט איך האב עס רק פותר צו זיין,
אטרוים געווען אויך דאס אליין —

א טייל פון חלום נאר געווען עס איז — —
נו, ווילאנג נאך טרוימען? א רגע, ביז — —

און אנלויפן א חברה בינען ס׳וועט,
זויגן האניק און גיפט אויף א געוועט.

ריימאנד לעווין

## די אלמנה

זינט איר מאן, מאיר, איז געשטארבן מיט פינף יאר צוריק איז פאר אסתרן געבליבן בלויז איין פרייד אין לעבן. איר פרייד איז געווען צו באקומען בריוו פון איר טאכטער לאה. ס׳איז שוין זיבן יאר ווי די טאכטער האט עמיגרירט פון ווייטשעפל, ענגלאנד, קיין סידני, אויסטראליען; לכתחילה נאר אויף צוויי יאר. זי האט אבער דארט חתונה געהאט און זיך אזוי ארום באזעצט שוין אויף תמיד אין אויסטראליען בשעת לאה איז נאך געווען א ניי־אנגעקומענע אין דעם פרעמדן לאנד אריין און זיך אינטערעסירט מיט באזוכן כסדר נייע מקומות מלעגט זי שרייבן דער מאמען בריוו איין מאל א וואך. איצט אז זי האט שוין אייגענע צוויי קינדער אויף וועמען אכטונג צו געבן געפינט זי צייט צו שרייבן אפטער. פיר־פינף בריוו א וואך זענען מער נישט קיין חידוש פאר אסתרן, וועלכע קען ממש נישט זעטיקן איר מוטערלעכן אפעטיט מיט די סאמע קלענסטע פרטים, וואס לאה דערמאנט. איבערגעלייענט עטלעכע מאל דעם לעצט־אנגעקומענעם בריוו, זעצט זיך אסתר אנידער אנצושרייבן אן ענטפער.

אט די דאזיקע סעסיעס פון לייענען און שרייבן האבן איר פארלייכטערט איר עלנטקייט, וואס האט זיך אנגעהויבן ווען דער מאן איז איר אוועקגענומען געווארן אויף אייביק. ווי א דונער האט זיך טויט געטראפן יעדן פון זיינע באקאנטע, ווארום ר׳האט אויסגעזען געזונט פאר צוויי, אפילו פאר דריי. קיינמאל אין לעבן האט אים נישט פאסירט קיין פארפאל, וואס זאל אים לעמען

זיינע געשיקטע שניידערישע הענט; נישט אפילו קיין סימן פון א פארקילונג, צוליב וואס אסתר זאל אים נישט לאזן גיין צו דער ארבעט — מאיר׳ס גרעסטע פארגעניגן —. ער האט פיינט געהאט, אז מען זאל אים פיעשטשען, זייענדיק צו גרויס ביי זיך מודה צו זיין, אז אויך ער איז נישט מער ווי א שטערבלעכער מענטש און וואס קען אויך קראנק ווערן.

צוליב אט דעם שטאלץ זיינעם האט ער קיינעם נישט געוואלט מגלה זיין זיין שוואך הארץ, וואס איז שוין אזוי פארבליבן א סוד צווישן אים און דעם דאקטאר זיינעם. א רמז בלויז פון זיין מחלה פלעגט זיך אנטפלעקן בשעת א מחלוקה מיטן ווייב. סיכסוכים זענען ביי זיי געווען אן אפטע זאך, וואס די קלענסטע מיינונגס־אונטערשידן האבן געקענט אנצינדן ווי, למשל, וועלכע אקטיארן האבן געשפילט אין א פילם מיט צוואנציק יאר צוריק. ביי אזעלכע פאסירונגען פלעגט מאיר באלד זיך נעמען באקלאגן, ער פילט זיך מיד. פון איר זייט פלעגט אסתר נישט לייגן קיין גרויס אכט אויף מאירס מידקייט, מיינענדיק אז ער וויל זי בלויז אויסמיידן. זי האט גוט געוואוסט ווי פיינט ער האט, אז מען זאל אויפווייזן ווי אומגערעכט ער איז — אן אנדערע זייט פון זיין שטאלץ. אסתר פלעגט שוין אזוי זיך אמפערן מיט מאירן ביז ער פלעגט זיך אונטערגעבן. ערשט נאך מאירס טויט, ווען זי פלעגט זיך דערמאנען איר צאנקזיכטיקייט, איז ביי איר אנטשטאנען א געפיל פון חרטה. זי האט אנגעהויבן זיך באטראכטן אלס די סבה פון איר מאנס טויט, דראענדיק זיך דאס לעבן צו נעמען פאר יעדן איינעם, וואס איז געקומען איר זאגן א טרייסט־ווארט אדער לינדערן איר טרויער; נאר זעלבסטמארד קען מכפר זיין אויף דעם וואס זי האט געטון.

ביים בלויזן געדאנק פון זיך דאס לעבן נעמען האבן אסתרס פריינט איר אויפגעוויזן ווי נאריש עס איז ארויסצוגעבן אויף זיך אליין אזא פסק־דין. ביי א ספר־תורה װאלטן זיי געשוואוירן, אז זי איז געווען א גוט און געטריי ווייב, פול מיט ליבשאפט אזש צו באוואונדערן. צי שולדיק צי נישט, האבן זיי פילאזאפירט, אסתר מוז לעבן. יא צי ניין? נאך אלעם, וואס וואלט געשען ווען יעדער איינער, וואס האט א טויט אין דער משפחה, רייסט אליין איבער מיטן לעבן, וואס ג אט האט זיכער א סבה מיט באשערן? קיינער וואלט דאך נישט געטון קיין שטאך ארבעט; און דערנאך וואס, הא? אט דער דאזיקער טיפער געדאנק האט נישט אויסגעאיבט אזא איינדרוק אויף אסתרן ווי אירע פריינט האבן זיך געוואונטשן. פאר איר איז ארבעט געווען אן אומאנגענעמע נויטווענדיקייט, מער נישט. דער רבונו־של־עולם איז אסתרן פארגעקומען גאר אומפארשטענדלעך ווען זי האט זיך פארטראכט איבער אט דעם ענין. ווי קומט עס, אז ער זאל באשאפן ארימקייט און נויט? אויף אן ענטפער ווערט זי מסתמא דארפןווארטן ביז אויף יענער וועלט ווי מאיר, וואס די איינציקע טרייסט בנוגע זיין טויט איז געווען זיך ווידער צונויפצוקומען מיט אים, איר ליבן מאן.

נאך איר טאטנס טויט האט לאה געוואלט אריבערנעמען די מאמע קיין



אויסטראליען. דארט וועט די מאמע זיך קענען אויסלעבן אירע יארן אין א ווארעמער סביבה און אין א ווארעמען קלימאט. אסתר אבער האט אפגעווארפן איר אנבאט. ערשטנס, האט אסתר געטענהט, קאן זי פארן אלס עמיגראנט בלויז פאר צען פונט און מען דארף דעריבער נישט פארשווענדן קיין גרויסע סומעס געלט — דאס הייסט אויב זי וואלט טאקע געוואלט אוועקפארן פון לאנדאן און דאס האט זי דאך נישט געוואלט; צווייטנס, ווי קאן מען עפעס שלעפן איר מעבל ביז עק וועלט און וואס דאס וועט אפקאסטן? — קיינער וואלט נישט אימשטאנד געווען זי איבערצוצייגן עס איבערצולאזן. ס׳מעבל איז געווען אזוי געזונט, מען מאכט מער נישט אזעלכעס. דער טאטע אירער, א מעבל־סטאליער, האט עס דאך אייגנס פאר איר אליין געמאכט —. א דריטע סבה פארוואס אסתר האט נישט געוואלט אוועק פון ענגלאנד — די וואגיקסטע לויט איר מיינונג — איז געווען וואס זי האט בשום אופן נישט געוואלט פאלן צו לאסט דער טאכטער און איר פאמיליע אויף די עלטערע יארן. נאר פארשטייט זיך, אז דאס האט זי לאהן נישט אויסגעזאגט. לאה איז טאקע א גוט קינד, אבער בעסער אזוי.

געלעבט האט אסתר פון א פענסיע, וואס אן אלמנה באקומט, מיט א צולאג נאציאנאלע אונטערשטיצונג. די פענסיע אליין האט זי אנגענומען מיט שטאלץ פון דער רעגירונג. דאס געלט אין אירע אויגן איז נישט געווען קיין ארט צדקה, מאיר איר מאן האט דאך געצאלט שטייערן דערויף! און ווען נאך זענען שטייערן פארוועגדט געווארן אויף אזא ריכטיקן אופן? דער צושטאנד פון די טראטוארן ביי איר אין געסל איז ממש אן עדות פון מיסברויכן מיט עפנטלעך געלט. די שטיינער דארטן זענען געווען אזוי אומגלייך און געשפאלטן, אז קאלוזשעס וואסער פלעגן זיך אנזאמלען אין זיי בשעת א רעגנעריש וועטער. אבער וואס שייך נאציאנאלער אונטערשטיצונג, פלעגט אסתר דאס באטראכטן, איידער מאיר איז געשטארבן, פארשטייט זיך, פאר דער נידעריקסטער חרפה אנצונעמען. עס האט אויסגעזען ווי א באליידיקונג, דערמאנענדיק זיך ווי מאיר האט זיך תמיד באמיט צו פארזארגן זיין פאמיליע. מען וואלט געקאנט מיינען, אז ער האט קיינמאל נישט אין זינען געהאט א מעגלעכן נויטפאל. — טראגיש ווי עס זאל נישט אויסזעען, נאר ס׳איז דאך אמת געווען. מאיר פלעגט שוין צופיל ליב האבן צו שפילן אויף פערד און מער פארשפילט ווי ער וואלט געקאנט אפגעווינען —. אזוי ארום האט אסתר טאקע געמוזט עטרנס נאכטראכטן נאך מאירס טויט וויאזוי זיך אליין צו דערהאלטן ביים לעבן. ווי קליין א מאנס לוין זאל נישט זיין, האט זיין לוין דאך כמעט געסטייערט אויף אויפצוהאלטן א באלעבאטישקייט. אבער אן אלמנהס פענסיע אן א צולאג — בשום אופן נישט. און זי וואלט נישט געטראכט פון אליין גיין ארבעטן כל־זמן זי וואלט נישט געמוזט. האט עס געמוזט זיין נאציאנאלע אונטערשטיצונג, וואס אסתר וועט זיך קיינמאל נישט דערנידעריקן עס צו ברענגען פארן מויל פאר קיינעם, רעכענענדיק זיך מיט איר געפילן פון שטאלץ.

זי האט אויסגעמיטן דאס צו אנטפלעקן דורך שאפן ארום זיך אן אטמאספערע פון וואוילשטאנד, וואס קאן נאר זיין א רעזולטאט פון ארייכער צוואה. אט די אטמאספערע האט אסתר געשאפן ארום זיך פאר לייטנסוועגן. צוליב דער דאזיקער אטמאספערע טאקע פון וואוילשטאנד פלעגן הענדלער קונציק נעמען ביי איר מער ווי ס׳איז זיי געקומען. טיילמאל האט אסתר אפילו געסטראשעט, אז זי וועט ברענגען פאליציי און ס׳וועט דעם הענדלער אפקאסטן אסך מער ווי איר איינקויפן איז ווערט געווען. הכלל, כלערליי סיכסוכים זענען אנטשטאנען דערפון ביז אסתר האט אלץ מער און מער גענומען ווארפן אן אומחן אויף דער וועלט. אין אירע אויגן איז די וועלט געווען אנגעשטאפט מיט קרימינעלע פארברעכער.

גראד בשעת זי איז אזוי פארטיפט געווען אין א לעצטן בריוו פון איר טאכטער, פארגעסנדיק אין אלע צרות און בייזוויליקייטן, האבן זיך דערהערט צוויי קלעפ אין דער טיר אין דער נידער. אסתר האט אזש א ציטער געטון פאר איבערראשונג. אזויווי זי האט געוואוינט אויפן ערשטן שטאק אין אלטן הויז זענען די צוויי קלעפ געווען א סימן, אז עמיצער איז געקומען צו איר. אבער ווער האט עס געקאנט זיין אחוץ דעם בריווטרעגער? ס׳איז אבער נישט די צייט צו ברענגען פאסט האט זי איינגעזען א קוק טוענדיק אויפן זייגער. אפשר מיינט מען עס דעם שכן אונטן וועלכער איז איצט ביי דער ארבעט? אזויווי יענעם האט זי מער געהערט אין זיין וואוינונג ווי געזען, האט אסתר גארנישט געוואוסט וואס פאר א מענטש דאס איז און האט פארגעצויגן וואס ווייניקער זיך צו מישן מיט אים. פריערדיקע דערפארונגען מיט שכנים האבן זי שוין אנגעלערנט וואס פאר א צרות מ׳קאן האבן פון דער פאליציי דורך זיי.

אלע אסתרס שכנים זענען משמעות געווען שווינדלער, וואוילע־יונגען אדער „חתנים״. איז טאקע געווען א פראגע צי זי זאל אויפעפענען די טיר אדער זאל זי זיך ווייזן פארן פענסטער, כדי פונדערווייטנס צו זען ווער עס איז? זי האט באשלאסן ליבער אראפצוגיין אונטן און זיך נאכצופרעגן. אויף אזא אופן, אויב מען וועט זי נישט הערן, וועט די פערזאן זיך אוועקגיין.

אבער די פערזאן האט זי יא געהערט.

— אסתר? — האט אן איינשמייכלענדיק קול זיך געלאזט הערן דורכן בריוו־קעסטל. — דאס בין איך, פרוי פישער, פון צווייטן הויז. זענט איר אין דער היים? כ׳בין געקומען מיך זען מיט אייך.

וואס האט די פרוי פישער עס געקאנט פארלאנגען פון אסתרן? אסתר אליין האט מיט יענער ווייניק וואס געהאט צו טון אחוץ א „גוט־מארגן!״ פארבייגייענדיק זי, טא וואס, למשל, האט זי דאס געהאט אסתרן איבערצוגעבן? מסתמא עפעס איבערצומאטלען. יעדער איינער האט דאך געוואוסט ווי זי בארעדט מענטשן. נו, וועט אסתר דען עמיצן לאזן ארייננשטעקן די נאז אין אירע ענינים, נישט כדי צו העלפן נאר מחמת עגאאיסטישן פארגעניגן?

— כ׳בין נישט אנגעטון, — האט אסתר אומאנטשלאסן געזאגט א ליגנט.

ליגנס זאגן האט זי פיינט געהאט אפילו ווען מ׳האט זיך נישט געקאנט



באגיין אן זיי אויסצומיידן אומאנגענעמלעכקייטן. זאגן ליגנס האט אויף איר ארויפגעווארפן שפאנונג, וואס האט אויסגעזעען כמעט שלעכטער אויסטויש פאר זעלבסטפארטיידיקונג.

— ס׳שאדט נישט, איך וועל אונטערווארטן, — האט זיך געהערט יענערס ענטפער דורך דער קליינער עפענונג אין דער טיר.

אסתר האט גיך גענומען קלערן וויאזוי פטור צו ווערן פון דער פרוי פישער אן א בייז ווארט, מחמת יענע האט מיט רייד געקאנט אייך אנמאכן אין גאט ווייס וואס פאר א צרות. זאל אסתר זשע יענער זאגן, אז זי איילט זיך צו גיין איינקויפן און האט דעריבער נישט קיין צייט? ניין. ווארום פרוי פישער איז געווען גוט באקאנט אלס איינע וואס שלעפט זיך אייך נאך ווען ס׳איז אן ענין פון פלוידעריי. אפשר איר זאגן, אז זי גייט נעמען א באד? זי וועט זיך אלץ נאכשלעפן און אוודאי אייך שטעלן אינטימע פראגן פון יענער זייט וואנט. ניין. ניין, אסתרס בעסטע מעגלעכקייט זיך צו פארטיידיקן וועט טאקע זיין ביי איר אין שטוב. נאכן אפשוויגן א לענגערע ווילע, וואס האט געשאפן דעם איינדרוק, אז זי טוט זיך אן, האט אסתר אויפגעעפנט די טיר פאר דער פרוי פישער. מיט א באשיינפערלער מינע פון פריינטלעכקייט, האט אסתר איינגעלאדן דעם גאסט ארויף צו זיך אין דער וואוינונג. ביים אריינגיין אין קיך האט פרוי פישער שטיל און געדולדיק געווארט בשעת אסתר האט געשטעלט אין ארדנונג געוויסע זאכן ווי דער טאכטער לאהס איינגערעמטע פאטאגראפיע און צונויפלייגן א צייטונג. עס זענען געווען אזעלכע אינסטינקטיווע רעאקציעס מצד אסתרן, וועלנדיק מאכן אן איינדרוק אויף דער פרוי פישער. אסתר איז געווען גאנץ זיכער ביי זיך, אז יענע איז בלויז געקומען זען ווי זי האלט אויף איר באלעבאטישקייט זינט מאירס טויט. זיך וועטן איז זי גרייט דערויף. נו, האט אסתר דען געהאט עפעס מיט וואס זיך צו שעמען? בשום אופן נישט!

— וואו זענט איר געווען, אסתר, אין די לעצטע פאר טעג? כ׳האב אייך אין ערגעץ נישט געזען. איז עפעס נישט אין ארדנונג?

וואס האט עס צו טון מיט דער מיסיס פישער? איר האט שוין געזען אזא פלאג פון א קאכלעפל? אויף יעדן איינעם האלט זי אן אויג. נאך גוט וואס אסתר האט זיך איינגעקויפט שפייז אויף א גאנצע וואך און האט דעריבער נישט געדארפט ארויסגיין און זיך מישן מיט לייטן, וואס פרעגן זיך נאך וואס איר מאכט און דערנאך פארשעלטן זיי אייך אייער געזונט אדער פלאפלען איבער אייער חולאת און ברענגען זיך אריין אביסל קראנקהאפטע גערייצקייט אין זייער לאנגווייליק לעבן.

— גארנישט. כ׳האב אלץ וואס כ׳דארף. ס׳איז נישט געווען נייטיק פאר מיר ארויסצוגיין, בין איך געבליבן אין שטוב. איר דארפט אייך נישט קימערן, — האט אסתר געענטפערט ווי אפזונדערנדיק זיך.

— כ׳בין געקומען צוליב נאך עפעס, — האט פרוי פישער אפן אנגעהויבן. — זאגט מיר, אסתר, וויפל יאר לעבט איר שוין אזוי איינע אליין?

— פינף. נאר פאַרוואָס פרעגט איר? — איז געווען איר אומווילקער ענטפער.

אסתר האָט געהאַט אַ געפיל ווי שדכנטע וואָלט זיך געזוכט אַ צוטריט. די מאַמע אסתרס איז אַליין אויך געווען אַ שדכנטע, האָט זי שוין געקאָנט דעם אופן פון אָנביטן אַ שידוך. ווען פרוי פישער וועט זיך בלויז אונטערשטעלן איר צו שדכענען אַ שידוך מיט אַ שטיק אומגעליבט פלייש, וואָס האָט זיך קיינמאָל אַליין נישט געקאָנט געפינען קיין ווייב, וועט אסתר זי פשוט אַראָפוואַרפן פון די טרעפּ. מסתמא נישט געווען אַזוי, נאָר אַזוי פילט אסתר אויב מען וואָלט איר אָנגעבאָטן אַ מאַן. אסתרס ליבשאַפט צו מאירן האָט זיך נישט אויסגעוועפּט נאָך זיין טויט. מאירס גוף קאָן זיין טויט, אָבער דער גייסט זיינער איז אומעטום און ווייסט וואָס עס טוט זיך. אסתר פילט זיך גאַנץ צופרידן אַזוי ווי זי איז. — אַזוי איז עס טאַקע געווען — אויב מ׳קאָן זאָגן, אַז גליקלעך זיין איז אויפריכטיק זיין מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע געפילן, וואָס איז אַ גענוג גוטע דעפיניציע כל־זמן די געפילן בלייבן אומגעמישט אָדער די געטריישאַפטן אומגעטיילט. דאָס איז געווען אסתרס לאַגע. זי האָט קיינעם נישט געהאַט צו נעמען אין אַנבאַטראַכט אחוץ אַ לאָהן, וואָס איז געווען אַזוי ווייט אַוועק —. חוצדעם האָט אסתר געהאַט גענוג צו שייערן און רייניקן אין איר לעבן. צו אַרבעטן פאַר איין מאַן איז געווען שלעכט גענוג.

— אַזוי לאַנג שוין, האַ? — האָט פרוי פישער זיך פאַרטראַכט. — מאָדנע ווי גיך די צייט לויפט פאַרביי. נו, נו, — האָט זי ווייטער גערעדט — כ׳ווייס דאָך גאַנץ גוט ווי איר האַלט אייך אויף אייגנע אַליין אין דער היים. הכלל, איר קענט דאָך ס׳גרויסע געשעפט אין האַלבאַרן, גאַמאַדזשעס? כ׳האָב געזען אַ פּאָסטן אָנאָנסירט דאָרטן. עס פאָדערט זיך דאָרטן אַ פּאַקער אָדער עפּעס ענלעכעס. די מינוט כ׳האָב געזען דעם אַנאָנס האָב איך געטראַכט פון אייך, אסתר. ס׳איז מיר פאַרגעקומען, אַז אַן עקסטרא ביסל געלט קאָן אייך גרייליך צונוץ קומען.

וואָס פאַר אַ פרעכהייט פון דער פרוי פישער! בלויז זיך משער צו זיין, אַז אסתרס מאַן האָט זי איבערגעלאָזט אָן געלט! אַז ס׳איז דאָך אמת געווען האָט גאָרנישט געהאַט צו טון דערמיט. ס׳איז געגאַנגען אין אַ פּרינציפּ — אָפּצוהיטן אַ גוטן נאָמען.

— ווער דאַרף געלט? — האָט זי געפרעגט ווי זיך צו שיצן.

יאָ געלט, נישט געלט, קיין שום אַרבעט וואָלט סאַי־ווי אסתרן נישט געפּאַסט. שטעלט אייך נאָר פאָר, זיך צו מישן מיט פרעמדע וואָס האָבן נישט קיין אייגענע ריכטיקע היים, אויף וועלכער אַכטונג צו געבן, אַז זיי מוזן גיין אָננעמען אַרבעט? קיינמאָל נישט. יעדע אָנשטענדיקע פרוי גיט אַכטונג אויף איר היים און פאַמיליע. אויב אַ פרוי האָט עס נישט איז דאָ אַ גרונט חושד צו זיין, אַז עפּעס איז מיט איר נישט אין אָרדנונג, פּונקט ווי מענער וואָס קאָנען זיך נישט געפינען קיין ווייב.



— עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט פאַר אייך, — האָט מיסיס פישער איר צוגעגעבן מוט. — איר וואָלט אייך געטראָפן מיט אַנדערע מענטשן. עס וואָלט געווען אַן אָפּוועקסלונג פון דער היים.

— ס׳פעלן מיר נישט אויס קיין מענטשן, אַ דאַנק אייך, פרוי פישער — האָט אסתר געענטפערט, צוריקציענדיק זיך.

יעדן איינעמס ענינים זענען איר געשעפט. זאָל די פרוי פישער קודם אַכטונג געבן אויף אירע אייגענע ענינים. זי האָט דאָך אַ פאַמיליע.

— פאַרוואָס נעמט איר נישט אָן די אַרבעט צוליבן געלט? — האָט אסתר מוטווילִיק נאָך צוגעגעבן.

זיכער האָט די פרוי פישער נישט געקאָנט אָננעמען די אַרבעט. דריי קינדער אויף וועמען אַכטונג צו געבן ווען זיי קומען אַהיים פון דער שולע אויף מיטאָג און טיי. ביי אַלעם דעם וואָלט יעדער תירוץ פון אסתרן גענוג געווען אויפצואווייזן דער פרוי פישער, אַז אסתר אינטערעסירט זיך נישט אין קיין באַשעפטיקונג.

— איר ווייסט גאַנץ גוט ווי איך האָב אַ פאַמיליע, אויף וועמען אַכטונג צו געבן. ווי קאָן איך אָננעמען אַן אַרבעט? איך, איך האָב דאָך מיינע קינדער און מיין מאַן. אַלע ווילן עסן ווי נאָר זיי קומען אַהיים.

— וועט גאַמאַדזשעס זיך מוזן באַגיין אָן אונזביידן — האָט אסתר טריומפירט.

— איר אָבער וואָלט דאָך אייך געקענט משמח זיין אין אַ געזעלשאַפט — האָט פרוי פישער זיך געהאַלטן ביי אירס.

— משמח זיין? אַרבעטן? וואָס פאַר אַ שמחה — האָט אסתר ציניש געפרעגט.

— ווי כ׳האָב אייך געזאָגט. איר וועט אייך באַגעגענען מיט מענטשן. ס׳איז נישט קיין שווערע אַרבעט — האָט פרוי פישער איינפאַך אָנגעוויזן.

— און ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, פרוי פישער. איך בין צופרידן אַזוי ווי איך בין — האָט אסתר העפלעך אָפּגעוואָרפן.

— פּרובירט עס אויס. לאָמיר זאָגן אַ וואָך? ס׳וועט אייך אפשר געפעלן, ווער ווייסט? — האָט מיסיס פישער זי געדרונגען.

— איך ווייס שוין אויף זיכער, עס וועט מיר נישט געפעלן. איך האָב סאַי־ווי גענוג צו טון אין דער היים, עס זאַמלט זיך אָפּט אָן אַסך שמוץ, — האָט אסתר ביזלעך געטענהט.

ס׳איז איר פאַרגעקומען, אַז זי וועט מוזן אויסטראַכטן ליגנס אָן אַ שיעור פּטור צו ווערן פון דער פרוי פישער. איר האָט שוין געהערט אַזאַ זאַך, אַז אסתרס שטוב זאָל זיין שמוציק! זאָל בלויז אַ פּינטעלע שטויב זיך באַזעצן אויף אַ שטיק מעבל אין אסתרס וואוינונג, ווערט עס דאָך גלייך פאַרשוואונדן מיט אַ פלינקן וויש פון אַ שמאַטע.

— שמוציק? — האָט פרוי פישער אויסגעשריגן פאַרוואונדערט. — הלוואי וואָלט מיין וואוינונג געווען אַזוי שמוציק! וויזט מיר בלויז אייך

שפּרענקעלע שמוץ און איך לאָז איך די מינוט אַליין. נו, לאָמיר זעען.

ס'איז געווען איראָניש פֿאַר אסתרן, אַז אַט די דאָזיקע באַמערקונג וואָס ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וואָלט זי זי אַנגעבלאָזן מיט זעלבט־צופֿרידנקייט, האָט זי איצט געדריקט מיט דראָהונגען. אַזאַ לייכטע מידה טובה זאָל גאָר זיך אַרויסווייזן פֿאַר אַ חסרון! אסתר איז איצט געווען פֿאַרצווייפֿלט, אַז די פֿרוי פֿישער זאָל זיך אָפּטראָגן. אויף אַזאַ אופֿן וואָלט דאָך אסתר זיך געזעען ממש געצוואונגען אַנצונעמען אַן אַרבעטט אונטער איר כבוד. ניין, כּוח, שטאַנדהאַפּטיקייט מוז מען נוצן פּטור צו ווערן פֿון דער פֿרוי פֿישער.

— אָבער אויב איך וועל דאָ נישט זיין, וועט זיך דאָך אָנזאַמלען שמוץ, אפֿשר ניין? — האָט זי אָפּן געשפּאַט.

— ס'איז בלויז איין מינוט אַרבעט צו האַלטן די וואוינונג ריין און איר העדט ווי ס'וואָלט איך גענומען לאַנגע טעג שווערע אַרבעט. איך ווייס, זאָגט מיר נישט, אסתר. מיין וואוינונג אַנטהאַלט אַסך מער ווי די אייערע.

— אַחוץ דעם בין איך נאָך באַשעפּטיקט, — האָט אסתר קורץ אָפּגע־וואָרפֿן.

מאָדנע ווי מען קאָן זיך האַלטן ביי זיינס!

— באַשעפּטיקט? באַשעפּטיקט ווי אַ פֿיש אין אַן אַקוואַריום, — האָט פֿרוי פֿישער געלאַכט. — אַזוי זענט איר באַשעפּטיקט. אויף מיין וואָרט, אסתר ס'טויג נישט פֿאַר איך צו זיין אַזוי־פֿיל אַליין. כ'האָב שוין געזעען ווי געוויסע מענטשן גייען אונטער. צומערשט הייבן זיי אָן רעדן צו זיך אַליין און דערנאָך פֿירט מען זיי שוין אַוועק אין משוגעים־הויז אַריין.

— וואָס האָט אַ משוגעים־הויז צו טון מיט מיר? — האָט אסתר, אַ באַליידיקטע, זיך געוואונדערט. דער פֿרוי פֿישערס לאָגיק איז געווען איבער איר שכל.

— אויב איך וועל מיך נישט ווייזן פֿאַר לייטן, וואָס איך טו דאָך יאָ, ווער וועט עס וויסן צי איך רעד צו מיר אַליין צי נישט, וואָס איך טו קיין־מאָל נישט, — האָט אסתר זיך געקליגלט. נו, זאָל פֿרוי פֿישער זיך דאָס קלאָר מאַכן, אַז זי האָט שוין יאָ אַזוי ליב אַרויסצודריקן אירע אויבס און אָבערס.

— זאָל זיין אַז איך טרייב איבער דעם עפֿעקט, — האָט פֿרוי פֿישער נאָכגעלאָזן אַ ביסל. — אָבער איר ווייסט דאָך וואָס איך מיין, האַ?

איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל האָט אסתר באַשלאָסן עס קלאָר צו מאַכן איר בעל־טובהניצע. געפֿעלט עס דער פֿרוי פֿישער איז גוט . . . פֿרוי פֿישער איז נישט אסתר, און דאָס איז דאָס.

— ביטע, פֿרוי פֿישער, איך בין איך דאַנקבאַר וואָס מיין עסק גייט איך אַזוי אָן, אָבער איך בין צופֿרידן ווי איך בין. דעם אמת געזאָגט, אויב איך וויל געזעלשאַפֿט, האָב איך מיין ראַדיאָ. טאָמער נישט, האָב איך מיין טאַכטער, צו ווענען צו שרייבן בריוו. דאָס גענוגט מיר, — האָט זי איר אָפּן געגעבן צו פֿאַרשטיין.

— איבעריקנס, וואָס מאַכט לאה? גייט עס איר גוט? — האָט פֿרוי פֿישער



זיך נאָכגעפֿרעגט, נעמענדיק אסתרס געפֿילן אין אָנבעטראַכט.

אסתר האָט עפּעס קורץ געברומט און גאָרנישט געזאָגט, פֿאַרציענדיק צו שווייגן איבער דער טעמע פֿון איר פֿאַמיליע. אַזעלכע זאַכן האָט זי געהאַלטן פֿאַרשלאָסן ביי זיך אין האַרץ און אויף דער נשמה. קיינער האָט זיך נישט געקענט אַזוי זאָרגן ווי אַ מאַמע פֿאַר איר פֿלייש און בלוט. יעדע נאָכפֿראַגע פֿון פֿרעמדע איז הוילע פּלוידעריי. —

— הכלל, וואָס ווערט מיט דער אַרבעט, — איז פֿרוי פֿישער צוריק־געקומען שאַרף צו איר הויפּט טעמע, — פּראָבירט אָנצונעמען. איך זוך בלויז איך צו העלפֿן. קען עס זיין, אַז איר געטרויט מיר נישט? — האָט זי זיך געוויצלט.

אסתר האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. מיטן וויצלען זיך האָט פֿרוי פֿישער געטראָפֿן אין פּינטל אַריין. האָט מען עס געקאָנט איר אָנזעען, אַז זי פֿילט זיך שולדיק? נאָר טאָמער וויזט אסתר אַרויס, אַז זי האָט נישט קיין צוטרוי צו דער פֿרוי פֿישער, וועט יענע אַרויסלויפֿן פֿון הויז מיט אַ געשריי ווי מען וואָלט זי פּשוט באַפֿאַלן. אסתרס נאָמען וואָלט באַשמוצט געוואָרן פֿון סטעפּני ביז סמאָלענסק, פֿונוואַנען אירע עלטערן שטאַמען.

— געטרויען האָט גאָרנישט צו טון דערמיט, — האָט אסתר נאָכגעגעבן.

— איך האָב איך אָנגעגעבן מיינע סיבות. הכלל, די וואָך נישט קיין אַרבעט פֿאַר מיר, האַ?

— מאָדנע ווי איר רעדט, — האָט פֿרוי פֿישער איראָניזירט. — נישט די וואָך? וואָס מיינט איר, אַז מען וועט האַלטן דעם פּאָסטן פֿריי ביז איר וועט זיין גרייט? רעדט איך נישט איין קיין נאַרישקייטן, אסתר . . . איר מעגט מיר גלויבן, מען וועט דעם פּאָסטן אויסכאַפּן אײדער וואָס־ווען. גייט אַהין היינט נאָכמיטאָג, — האָט זי זיך געבעטן. — זאָגט זיי ווען איר קאָנט איבער־נעמען די אַרבעט און — —

— איר רעדט ווי איך וואָלט שוין באַשלאָסן וואָס איך האָב צו טון. —

פֿרוי פֿישערס אָנגענומען, אַז עס איז שוין אַזוי, איז געווען אַ באַווייז ווי זי האָט זיך באמת געקימערט פֿאַר אסתרן. ניין, אסתר וועט זיך נישט לאָזן אַרייננאַרן פֿון פֿרוי פֿישערס מכלומערשטער גוטהאַרציקייט. וועט עס מוזן זיין אַ שקר תחת שקר.

— ניין, ס'איז נאָר —, — האָט פֿרוי פֿישער אָנגעהויבן.

— יאָ, יאָ, כ'ווייס, — האָט אסתר איבערגעריסן העפֿלעך אָבער מיט אַנט־שלוס, דערנאָך שוואַך און פּאַטעטיש, — דעם אמת געזאָגט, פֿרוי פֿישער, וואָלט איך איצט געוואָלט בלייבן אַליין. דער קאָפּ טוט מיר וויי אַביסל. — אפֿשר וועט עס ווירקן אויף דער פֿרוי פֿישער דורך אַ שפּיל אויף מיטגעפֿיל.

פֿילנדיק זיך געקימערט, האָט די פֿרוי פֿישער איר איבערגעריסן אין איר ריי.

— פֿאַרוואָס האָט איר עס מיר נישט גלייך געזאָגט, נאַרעלע. לאָמיך איך קריגן אַן אַספּירין. זאָגט מיר וואו איר האַלט זי. איר'ט איך באַלד פֿילן

בעסער. יאָ, איך כאַפּ אַביסל איבער מיט מיין פלוידערן. ס'האָט מיר גלייך אויסגעזען, אַז איר פילט אייך נישט איבעריק גוט.

— איך, איך דאַרף בלויז מנוחה, דאָס איז אַלץ, — האָט אסתר שוואַכלעך געזאָגט, מאַכנדיק אַן אָנשטעל פון אויסגעשעפּט זיין.

— אויב אַזוי, גיי איך אַוועק און לאָז אייך איבער, — האָט פרוי פישער זיך אונטערגעגעבן, טרייסטנדיק זי און צוגעבנדיק ווי מיט בענקשאַפט, — אָבער ס'וועט זיין נאַריש פון אייער זייט אויב איר וועט אייך נישט ווענדן אויפן פאַסטן, אסתר. כ'זאָג אייך צום לעצטן מאָל.

— לאָמיך קודם מיך אַביסל אויסרוען און דערנאָך וועל איך מיר דאָס איבערקלערן, — האָט אסתר זיך אונטערגעגעבן מיט טאַקט. איצט האָט אסתר זיך שוין געקאָנט פאַרגינען צו זיין ברייטהאַרציק מיט ווערטער. עס איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן די דאַנקבאַרקייט וואָס זי האָט געפילט ביי פרוי פישערס באַלדיקן זיך אָפּטראָגן.

— כ'וועל אייך באַגלייטן צו דער טיר, — האָט זי העפלעך אָנגעבאָטן.

— כ'קאָן בלייבן מיט אייך, אויב איר פילט אייך שלעכט? — האָט מיט אַ צערטלעכקייט פאַרגעשלאָגן די פרוי פישער.

— ניין, ניין, גייט בעסער אייך ווײַלן, — האָט אסתר זי געזוכט אויפריכטיק משלח צו זיין.

די ישועה! מיט מתנות וואָלט מען זי געדאַרפט באַוואָרפן פאַר אַוועקגיין, אויב זי גייט טאַקע, האָט אסתר זיך געטראַכט. נאָר מיט ג־טס הילף וועט די פרוי פישער נישט זוכן צו געווינען צייט.

— גאַנץ גוט, כ'וועל מיר אַליין שוין עפענען די טיר. איר רוט אייך אויס, איר הערט? זעט צו קומען צו זיך, — האָט פרוי פישער איר אָנגעזאָגט.

אין פרוי פישערס מיטלייד האָט אסתר געזען אַ סכנה פאַר זיך. עס קאָן נאָך ביי יענער ווערן אַ געוואוינהייט צו קומען צו איר אויף אָפטע באַזוכן. מען דאַרף זשע איר געבן עפּעס אַ רמז, אַ וואונק, אַז זי זאָל וויסן וואו זי פּאַסט זיך אַריין.

— המ, זאָרגט אייך נישט. אַז איך וועל אייך דאַרפן, וועל איך קומען צו אייך, פרוי פישער, — האָט איר אסתר אָנגעוויזן אַביסל קאַלטלעך.

— זאָל זיין ווי איר זאָגט, — האָט פרוי פישער געענטפערט מיט צווייפל.

און פרוי פישער איז אַראָפּ איבער די טרעפּ, אַכטונג געבנדיק אויף איר גלייכגעוויכט צווישן אָנלען און דער וואַנט, ענדלעך פאַרלאָזנדיק דאָס הויז. מיט פרייד האָט אסתר איר נאָכגעקוקט און באַשלאָסן מער נישט אַריינצולאָזן צו זיך קיין שום קאַכלעפל. נאָך מער: אסתר וועט מער נישט אַרויסגיין פון שטוב זיך ווייזן פאַר לייטן. זי וועט תמיד שוין זיך בלייבן אַליין און קיינעם מער אין זינען נישט האָבן אַחוץ איר פאַמיליע. זי וועט אַבסאָלוט נישט זיין אָפּהענגיק פון קיינעם — אַחוץ, פאַרשטייט זיך, אויב עס וועט איר אויספעלן שפּייז, געלט אָדער געזונט.

פון ענגליש איבערזעצט, א. אַלמוג





## אויב דאָס איז לעבן — האָב איך נישט קיין מורא פאַרן טויט

ווען רוים האָט געברענט, האָט נעראָ געשפּילט אויף זיין פידל, זיינע מיניסטאָרן און הויף־מענטשן האָבן געפּאַטשט מיט די הענט צו די מוזיק פון זיין שפּילן.

ווען היטלער האָט געשריגן: „דאָס איז מיין לעצטער טעריטאָריע פאַרלאַנג אין אייראָפּע" — האָבן די חכמים פון אונזערע אומות־העולם, די ראַדיאָ, די צייטונגען — געדרייט מיט די פינגער, וואָס ער מיינט און וואָס ער וויל.

מיר פּראָסטע פּשוטע מענטשן האָבן געוווּסט. (נישט אַלעס, ווייל קיינער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן וואָס עס גייט זיין).

און יעצט, כמעט 30 יאָר שפּעטער, ווען דער מלאך המות שטייט אונטער אונזערע פלייצעס מיט זיין גרויסן מעסער, הערן מיר די זעלבע חכמות און עצות, גיב נאָך דעם טייוול און הענג זיך אַליין.

ווער האָט ער געזאָגט? רבונו של עולם, היט מיר פון מיינע פריינט, פון מיינע שונאים וועל איך זיך אפשר אַליין אויסהיטן.

פון מזרח אייראָפּעאישן יידענטום איז געבליבן אַש, צוזייט און צושפּרייט איבער די פלעצער און וועלדער פון פּוילן. עס איז אַ וואונדער וואָס די טייכן אין פּוילן זענען נישט רויט, אונזערע טויזנט יעריגע שכנים, אַ טייל פון זיי האָבן צוגערויבט, וואָס זיי האָבן נור געקענט. איך האָב נישט פאַרגעסן די דייטשן, אוקראַאינער, ווייס רוסן א.א. (מיר וועלן אַלעמאָל געדענקען אין די פּאָלאַקן, רוסן און דייטשן וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן צו ראַטעווען אַ פּאָר יידן).

און דאָס איז נישט גענוג. „שזודי אַ פּאַלעסטינאַ!" אַז די שזודעס האָבן אַ קליין מדינהלע מיט כמעט 2 און אַ האַלב מיליאָן מענטשן, מעג איך זאָגן, כן ירבו, און דאָס איז צופיל פאַר זייערע אויגן. און אונזערע פריינד די אייגענע און פרעמדע שרייען, גיב צוריק די פאַרנומענע שטחים, וועט זיין שלום און שלווה.

יונאָ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, סאַדאַט האָט געהאַלטן אַ רעדע, סאַדאַט איז ער נישט דער נעכטיגער היטלער שפּיאָן?

אַ בת־קול איז אַרויסגעגאַנגען פון קרעמל, מיר ווילן שלום. און דערווייל געפינען זיך טויזנטער רוסישע פּילאָטן און טעכניקער אין מצרים, און מ'שיקט מער.

ווער און וואָס איז יונאָ, דאָס ממזר קינד פון „פעלקער־בונד", וואָס איז שטום, בלינד און האָט נישט קיין פיס אָדער הענט.

קיינער האָט נישט פאַרגעסן, ווען דער אימפּעראַטאָר העיל סילאַציע, דער לייב פון יהודה, איז געקומען קיין שזענעוואַ און געהאַלטן אַ רעדע פאַר דעם פלענאַר־זיצונג פון פעלקער־בונד, האָט מען אים געגעבן אַ סך כבוד,

אבער מוסאליני האט וויטער געווארפן זיינע באמבעס און האט געקריגן אלץ וואס ער האט געוואלט.

און ווו איז געווען יונא ווען די רוסישע טאנקן האבן פארשטיקט די רעוואלוציע אין אונגארן.

איז עס געווען נעכטן דער פאגראם אין טשעקאסלאוואקיי, ווען זיי האבן צוריקגעברענגט ארדנונג.

גיי און רוף א קאזאק צו א דין תורה.

מענטשן פארגעסן זער שנעל, וואס עס טוט זיך אין אפריקא און אין פאקיסטאן.

און ווען נאסער האט זיך פארגלוסט א מלחמה׳לע מיט תימן, און האט זיי באמבארדירט מיט גאז־באמבעס און יונא האט אנגענומען א מויל מיט וואסער.

מיר הערן א סך פון אל־פתח, אלע ווילן שלום, א שלום דאס אלע יידן זאלן פארן „אהיים" צום בית עולם.

אונזערע ברודער און שוועסטער פון מאראקא, אלגעריען, פון די אראבישע לענדער וועלכע האבן געמוזט איבערלאזן אלץ, פון זיי פארגעסט מען.

ווען אלע יידן וואס זענען געקומען נאך 1948 וועלן אוועק, וועט זיין שלום ושלווה.

ווער האט אויסגעקלערט די לעגענדע דאס מיר יידן זענען פחדנים, און דאס מיר זענען געגאנגען אין פייער ווי די שעפסן צו דער שחיטה.

אין די מלחמה פון 18־1914 האט דער הויפט־קאמאנדיר פון די רוסישע ארמע ארויסגעגעבן א באפעל, דאס יידישע סאלדאטן זאלן נישט קריגן מער קיין מעדאלן, און די וועלט זאל נישט מיינען דאס די איינציקע העלדן זענען נור יידן. (וו. גראסמאן).

אין די לעצטע וועלט מלחמה איז געווען דאס זעלבע. ביי די טויערן פון מאסקווע (מענדל מאן) וואס די יידישע סאלדאטן האבן געטוען האט נישט געטויגט. צי דארף מען אויסרעכענען די יידישע גבורה? די מארטירלאגיע פון די יידישע געשיכטע?

נעכטן האט פראנקרייך אויפגעריסן א נייע אטאם באמבע, מארגן וועלן די כינעזער א ביסל שפעטער די אמעריקאנער, א.א.וו.

און וואס זענען די געהיימע מיליטערישע אפמאכן פון „קאממאן מארקעט".

און, אויב דאס איז לעבן, האב איך נישט קיין מורא פארן טויט.

אייזיק גאלדבערג

## עלען ווינאגראד, ע״ה

ווער עס האט געקאנט די בינע־קינסטלערין עלען ווינאגראד וועט פילן דעם גרויסן פארלוסט, וואס מיר האבן זי פארלוירן, ווייל זי איז נאך געווען אקטיוו און פול מיט לעבן ביז דער לעצטער צייט. מען קאן נישט פארגעסן אזא מענטש ווי עלען ווינאגראד וואס, אחוץ אלס בינע־קינסטלערין האט



זי נאך געהאט א ליטערארישן טאלענט. זי האט געשריבן אויך אין „לשון און לעבן" פארשידענע עסייען, טעאטער־רעפארטאזשן, אויך אפטמאל געהאלטן רעפעראטן ביי די „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס".

אויסער דעם וואס זי איז געווען א באקאנטע פיגור אין דער יידישער טעאטער־וועלט, וועט זי באזונדערס פעלן דא אין לאנדאן, וואו זי האט געוואוינט — אין דעם יעצט אזוי ארום געווארענעם יידישן קולטור־לאנדאן. מער ווי אומעטום, האט זי דא געהאט אירע נאענטסטע גייסטיקע פריינט, וועלכע גרופירן זיך ארום דעם דיכטער א. נ. שטענצלס „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס". גראד דא האט זי געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באווייזן מיט איר ליטעראריש־קינסטלערישן טאלענט, אפט לייענענדיק אדער רעציטירנדיק פון די בעסטע יידישע שרייבער און דיכטער און זינגענדיק פון די בעסטע יידישע טעאטער און פאלקס־מאטיוון.

ווי אפט האט זי זיך געאויסערט, אז גראד דא אין דעם ענגן ליטעראַרישן קרייז פילט זי זיך מער דערהויבן ווי ביי אירע גרויסע קאנצערטן, ווייל זי האט אליין געהאט א גייסטיקן גענוס פון דעם אויסדערוויילטן ליטעראַרישן פראגראם, מיט וועלכן זי האט זיך דא געקאנט באווייזן.

אחוץ דעם האט זי געהאט עפעס אזא מאמישע אייגנשאפט, וואס זי איז געווען אזוי פשוט און צוגעלאזן צו אלעמען. דערפאר טאקע האט זי זיך אויך באליבט געמאכט ביי יעדן פון אירע באקאנטע.

פאר מיר פערזענלעך האט זי נאך געהאט א באזונדערן ווערט דערמיט, וואס זי איז געווען מיינע א בת־עיר; דאס הייסט א „לאנדסמאן" פון פוילן, פון דער גרויסער יידישער שטאט לאדזש, וואו עס האט געשפרודלט אמאל א יידיש לעבן אויף אלע געביטן פון פרעסע, ליטעראטור, טעאטער, קונסט, יידישע קולטור, רעליגיע און געזעלשאפטלעך לעבן. זי האט נאך געהערט צו דער שארית־הפליטה, גייסטיקע רעשטלעך, וועלכע זענען אנטרונען פון די נאצי־רוצחים, וואס האבן פארטיליקט אזא גרויסן טייל פון אונזער פאלק.

פאר איר לעבנס־באגלייטער, סעם גאלדבערג, איז זי געווען — ווי ער האט זי גערופן חיהלע — דאס לעבן; פאר אים איז זי געווען זיין גאנץ לעבן, זיין גאנצע וועלט!...

עס איז זעלטן צו געפינען א פארפאלק, ספעציעל צווישן קינסטלער, וואס זאלן זיין, אחוץ מאטעריעל, אויך אזוי גייסטיק פארבונדן אין זייער לעבן און זיך אזוי דערגענצן איינס דאס אנדערע ווי עס איז ביי זיי געווען דער פאל. עס זענען נישטא געניג ווערטער צו טרייסטן אים, דעם מאן, אין זיין וויטאק. בולטער און בעסער איז נישט מעגלעך ארויסצוברענגען דעם פארלוסט ווי סעם גאלדבערג האט עס אליין געטון און זיין געדיכט „מיין פארלאשן ליכטל", פון וועלכן ער האט פאראייביקט אפילו אויף איר מצבה אין יידיש.

פון אט דעם געדיכט וויל איך ארויסנעמען בלויז צוויי סטראפעס, וואס זאגן שוין אלץ:

„אויסגעלאשן א ליכטל איז אין מייך הויז
ווי טויזנטער רעפלעקטארן אזוי גרויס:
דאס ליכטל האט באשיינט מיין וועלט, מיין לעבן;
פריי דאון פארגעניגן מיר שטענדיק געגעבן.
וואס זאל איך טון אין די יעצטיקע טעג?
מיינע געדאנקען לויפן ווי אין א שרעקלעך געיעג.
מיין ליבשאפט צו מיין חיהלע ברענט ווי פייער —
די ערד, וואו זי ליגט, איז מיר הייליק, טייער.

יא, נישט בלויז פאר איר מאן, נאר אויך פארן יידישן לאנדאן, איז אויסגעלאשן געווארן א גייסטיק, יידיש ליכטל...

סעם גאלדבערג, איר מאן, דארף געפינען א טרייסט אין דעם גוטן נאמען, וואס זי האט איבערגעלאזט. כבוד איר אנדענקען!

## א שטיקל חשבון-הנפש לשנת תשל״ב

א חשבון־הנפש, אבער א גאנץ וואכעדיקער!

מיט צוויי און דרייסיק יאר צוריק — לויטן יידישן חשבון — דעמלט ווען ס׳איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דעם זשורנאל — ערב ראש־השנה, 1940, האבן אין איין כהרף־עין פון אפאר חדשים זיך צונויפגעשטעלט א 1000 אבאנענטן; און וואס ווייטער און ווייטער זיך אויסגעברייטערט אין א רעגלמעסיקער חודשלעכער ליטערארישער זאמלונג פון 64 זייטן און טייל־מאל נאך מער, מיט יום־טוב נומערן און אלמאנאכן און געהאט איבער צוואנציק מיטארבעטער, פון לאנדאנער איינגעזעסענע און פריש־אנגעפארענע באקאנטע שרייבער, פאעטן און פובליציסטן. פון ארץ־ישראל און פון די דייטשע קעמפס האבן שרייבער צוגעשיקט זייערע זאכן.

ס׳איז דעמלט נאך געווען א יידישלעך ווייטשעפל, א „ירושלים דבריטן״, א מקום פון איבער 50,000 יידיש־ריידנדיק מענטשן: היימישע אינטעליגענץ, עמך־הארעפאשניקעס, א יידישע פראלעטאריאט מיט פאריינען, אן ארבעטער־רינג מיט „ברענטשעס״, יידישע יוניעס, צוויי יידישע טעאטערס, וואס האבן געשפילט טאג־טעגלעך, נישט אדורך אן אוונט אן א פארזאמלונג א פאליטישער, א ליטערארישער. די ארבעטער־רינג יידישע שולע האט פונקציאנירט יעדן זונטאג.

אין איבער א צענדליק יידישע רעסטאראנדלעך און קאוויארניעס אין ווייטשעפל האט מען נאך דעמלט, אין יאר 1940, ביי טישלעך הייס דיסקוטירט וועלט־פראבלעמען, געפירט ליטערארישע שמועסן — „די צייט״, „די אבענד נייעס״, די אגודה־צייטונג האבן זיך געפונען אין יעדער צווייטער יידישער שטוב.

אין די חדרים ביי די שולן — צוויי אין יעדן געסל! — האבן מלמדים נאך געקנעלט אויף היימישן אופן, און פון די מעלעמערס יעדן שבת האבן רבנים — נאך אמתע רבנים! — געדרשנט, געזאגט מגידות און יעדן טאג



בין מנחה למעריב געלערנט עין־יעקב.

פון דעם אלעם איז איצט געבליבן דא קוים א מזומן מיט אנדערהאלבן שילעכלעך, און א ליידיקער סינאגאגע פאר א צולאג, וואס אלע טעג פון א גאנץ יאר — באטירלעך אחוץ ראש־השנה און יום־כפור! — באשטייען זיי פון כמעט באצאלטע „מניך־יידן״. אין די „זונטאג״־שולן קנעלט מען נאך דא און דארט מיט א בר־מצווה ייִנגל.

אין די מיטאג־שעהן א גאנצע וואך זעט מען אן אנלויף פון בלומס „ביף־עיטערס״, וואס האבן נאך יידישע צורות, כשרע קישקעס, געשמדטע העלזלעך — אבער שוין אן דעם קול־יעקב.

יידישע פארזאמלונגען זענען שוין לגמרי נישטא, אחוץ אונזערע יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס, וואס „טאגן״ אויך שוין קוים מיט די ארום 10־20 אקטיוו־באטייליקטע און „געשווארענע״ צוהערער.

ביי אזא חשבון־הנפש איז א וואונדער אז פון די 1000 אבאנענטן איז נאך קוים געבליבן א 100?

אפשר ביי א ריכטיקער אדמיניסטראציע — אז מ׳זאל קענען פירן קארעספאנדענץ־חשבונות מיט קריקלוואוד און גאלדערס־גרין — וואלט דער סך־הכול געווען אפשר א בעסערער. אבער צו דעם מוז מען דאך האבן א חלה אז זי זאל קאנען אריינגיין אין דער המוציא... מיר האלטן בכלל נישט פון קיין מאשין ווען ס׳האט צו טון מיט קולטור, מיט ליטעראטור. פאר מלחמות איז נייטיק א קריגס־מאשין, פאר אפילס.

איז געבליבן די עיקר־הכנסה דער פארקויף מיד ליד — אמת, איין שוואלב קאן קיין זומער נישט מאכן, אבער א זינג־פויגל אפשר יא... אבער דאס קאלפארטירן אויף די „מיטינגער״ — איין פארזאמלונג איז יא נאך דא „די לעבעדיקע יידישע צייטונג״! — גייט אויך שוין דארטן מטה מטה — ווען די חוצפה גייט שוין טיילמאל אזוי ווייט, אז אן „אפישל״, אן עם־הארץ אדער אן ענערגישער „שליח״ קאן צוקומען: „דא פארקויפט מען נישט קיין קאמוניסטישע ליטעראטור!״ — יידיש איז ביי זיי שוין א סינאנים פאר קאמוניזם. און ביי די „יידישקייט״־פרומע וואס יידיש איז ביי זיי יא א יש, איז אבער יידישע ליטעראטור — טריף־פסול.

ניין, קיין רויטער שטריך איבער דער רעכענונג איז עס נאך נישט, אבער א שווארצער שטריך אונטערן חשבון — יא.

איז דאך דער גאנצער כוח פון „לשון און לעבן״, בעסער געזאגט דער נס פון זיין צוויי און דרייסיק יאריקער עקזיסטענץ געווען דער „החי הנושא את עצמו״.

די ערשטע צוואנציק יאר האט נאך דער רעדאקטירער צומאל „געמאכט א לעבן״ און אפילו טייל מיטארבעטער געצאלט האנאראר.

די לעצטע צען יאר איז נאך אריינגעקומען אזויפיל פון די אבאנענטן און פונם פארקויף, אז דער זשורנאל זאל קאנען רעגלמעסיק דערשיינען — אין די לעצטע דריי־פיר יאר דערשיינט דער זשורנאל שוין נישט אזוי

חודשלעך־רעגולער און נאטירלעך אלץ דינער און דינער.

דער היינטיקער נומער וואלט שוין באלד לגמרי נישט געקענט זען די ליכטיקע וועלט. האבן מיר דאך א גוטן גאט — האבן אין די לעצטע יארן פיר לייענער־נפטרים איבערגעלאזט אויף „עולמות"—

לאמיר זייערע נעמען מזכיר־נשמות זיין: איצוש מאנדלבוים, אברהם בער גאלדשטיין, חבר ראזנער, מר בערמאן.

איז דאס געלד געלעגן ווי אן „אייזערנער פאנד" פאר א „שווארצן טאג" — דער היינטיקער נומער הערשיינט שוין טאקע מיט א שפורן צושטייער פון אט די דאזיקע „עולמות"־געלדער.

זאל דאס געשריבענע דא, חלילה, נישט קלינגען ווי א פאמפלעט אדער ווי אן איראניע איבער די לאנדאנער קולטור־אינסטיטוציעס! חלילה וחס! יידישע קולטור־„סעקציעס" האבן דעם זשורנאל נישט פארזעען! איינע האט נאך מיט יארן לאנג צוריק אנגעבאטן א חודשלעכן צושטייער, א צווייטע האט לעצטנס פארגעשלאגן אינגאנצן אים אויסצוהאלטן. מיר האבן זיך אבער מיט גרויס דאנק אפגעזאגט, ווייל עס שמעקט מיט — שילומים־געלדער.

ווי האט שוין אונזער פאטער אברהם געזאגט צום מלך פון סדום:

„איך הייב אויף מיין האנט צו ד׳, דעם העכסטן גאט, דעם באשעפער פון הימל און ערד, אויב א פאדעם אדער א שוכבענדל! אדער אויב איך וועל נעמען פון עפעס וואס איז דיינס! כדי זאלסט נישט זאגן: איך האב רייך געמאכט אברהמען" — בראשית י"ד, 22־23.

וועט מען דאך אפשר קאנען מיינען, אז אונזער אויסקוק איז, חלילה, אויף „עולמות", איז מען זיך ערשט גרינטלעך טועה, ווייל ליטעראטור איז פאר לעבעדיקע, „ולא המתים יהללו קה"!

א זשורנאל איז נישט אפצודרוקן, כדי צוצושיקן א צענדליק צו רעדאקציעס, א צוויטן צענדליק צו פיינשמעקערס און „ליבנסווירדיקע" מעצענאטן און מיטן רעשט זיך באגראבן ניין איילן טיף אין דער ערד — א ליטעראַרישער זשורנאל, מיט פאעזיע, מיט פראזע, מיט פובליציסטיק, איז פארשפרייט צו ווערן, אז מ׳זאל אים לייענען.

ווי לאנג מען קאן דאס, איז יעדע מי כדאי! די עבודה איז נישט וויניקער וויכטיק — און אויב איר ווילט, נישט וויניקער הייליק — ווי דאס שאפן גופא. אלא נישט, איז לא מיט א ספאדיק. העמלט קאנען קיין שום גוט־הארציקע, קיין שום „שפענדער", קיין שום „עולמות" און פאנדן נישט העלפן. איז ווי זאגט דאס יידישע ווערטל: „אז מ׳לעבט מיט חשבון, שטארבט מען מיט ווידוי".

טא לאמיר אפגעבן א לויב קודם דעם, וואס מ׳האט די הענט נישט געוואשן, פאר די 32 יאר אנגעאנגענער ארבעט און האפן אויף ווייטער: מאכן מיר דאך אלע טאג א ברכה: „הנותן ליעף כוח".

און זאל נאר מקוים ווערן די ברכה פון „הנותן לשכוי בינה"; זאלן נאר געשריבן ווערן דרוק־פעאיקע זאכן וועט שוין ממילא זיין אן ארגאן, וואו



זיי זאלן זיך דרוקן, ווייל סוף־סוף איז עס א נאטור־געזעץ, אז „החי נושא את עצמו" — „וחי בהם"!

* * *

אן א רעליגיעז־סאציאל געפיל וועגעטירט דער מענטש; אן נאציאנאלן שטאלץ גייט א פאלק אונטער.

מיר האבן א גוט געפיל צו וויסן, אז די יידיש־רעליגיעזע און סאציאלע הצטרכותן אין מלכות־ענגלאנד קאסטן אפ די קהלות דא צענדליקער מיליאנען פונטן א יאר. מיר זענען שטאלץ, אז די בייסטייערונג פאר מדינת־ישראל באטרעפט נישט פיל וויניקער. אבער דער סימן מובהק ערשט פון לעבן, פון מענטש און פאלק, איז ערשט זייער אייגנארטיקע שעפערישקייט.

מיט רעליגיע, מיט נאציאנאליזם קלאמערן מיר זיך צום לעבן, ראנגלען מיר זיך מיטן לעבן. מיט שעפערישן ווארט גייען דור־דורות אין דער אייביקייט — עס איז די גאלדענע קייט פון פאלק און מענטש: מ׳ווערט געשיכטע שבכתב ושבעל־פה — לעבעדיקער פאלקלאר וואס גייט פון מויל צו מויל.

שעפעריש פארבונדן מיט אונזערע קבוצים אין די שטעט איבער דער גארער וועלט הערן מיר אויף צו זיין עפעס א רעליגיעזע סעקטע אדער א פאריין פון פאטריאטן. מען ווערט א טייל פון אייגענעם פאלק אין מיט־באטייליקט אזוי אינם שאפן פון דער גארער מענטשהייט.

און דער היוצא לנו מזה, דער סך־הכל:

מיטן יידיש־שאפן פון די קלענסטע קבוצים ביז די גרעסטע אין די מדינות פון אלע וועלט־טיילן קומט, אזוי ארום, ארויס דער אייגנארטיקער כאראקטער פון אייביקן „עם־העולם" און דער „המעט מכל העמים" קאן זיך פארגלייכן מיט גרויסקייט פון זיין ליטעראטור מיט די גרעסטע קולטור־פעלקער. און צווישן אלע גאלדענע קייטן ציט זיך אויך אונזער יידיש־קייט.

## צען יאר „סאוויעטיש היימלאנד"

מיר האבן זיך געפריידט. עס איז געווען א שטיקל טרייסט, אז נאך דער שווערער אבידה, נאך דער סטאלין־שחיטה פון די יידישע שרייבער דארט, וועלן דאך די געראטעוועטע, די איבערגעבליבענע האבן אן ארגאן צו דרוקן זייערע שאפונגען.

אויב נישט די יידישע צונג — די יידישע שולע, די יידישע צייטונגען,— דאס יידישע הארץ וועט באפרייט ווערן!

און באמת ס׳איז געווען א נחת־דערלעבעניש, צו זען ווי צענדליקער טאלענטן, דיכטער און פראזאאיקער, זענען געקומען צום־ווארט, צום יידישן ווארט, מיט אזא שפע פון שאפונגען —

א קוועלנדיקן קוואל קאן מען דאך נישט פארשטאפן מיט א ברוטאלער פויסט . . .

ס׳איז געווען א פרייד דעמלט ווען „סאוויעטיש היימלאנד" האט אנגעהויבן דערשיינען!

האט מען דען גערעכנט, אז אין א מדינה פון קאמוניסטישער דיקטאטור וועט געדרוקט ווערן אן אגודהשער, א ציוניסטישער, א בונדישער צי אפילו אן אומפארטייאישער זשורנאל?

זיכער האבן די ליטעראַרישע סאוויעטישע מאמינים, אויסגעקליבן איינעם פון זיי, אן אייגענעם אדער לכל הפחות איינעם, וואס מ'קאן אים אזא „קאנצעסיע" אנפארטרויען — און דער פאעט אהרן ווערגעליס איז דער רעדאקטאר פונם סאוויעטישן, ליטעראַרישן זשורנאל.

גוט, ווערגעליס איז א קאמוניסט. אבער וואו שטייט עס דען געשריבן, אז א קאמוניסט טאר נישט זיין קיין יידישער פאעט? דערוויל זענען נאך אין אלע שפראכן דא קאמוניסטישע פאעטן — צומאל אין דער העברעאישער! און אז דער זשורנאל זאל קאנען הערשיינען, מוז ער האנדלען ווי א פארטיימענטש. דער געשריי: ער איז א סאוויעטישער באאמטער!

איז ניתא ספר ונחזי: קוקט דאך נאך אין „השוכר את הפועלים" — מאדנע דווקא אין א פרק מיט אזא נאמען — בבא מציעא, דף פג ע"ב, וואו עס שטייט בפירוש, אז רבי אלעזר ברבי שמעון איז געווען א רוימישער אגענט. אמת, מ'האט אים נאכגערופן כל־המינים עפיטעטן. נאכן טויט האט אים די משפחה באהאלטן אויפן בוידעם 22 יאר אפילו כדי מזזאל דעם מת נישט מבזה זיין בלויז ווי האט זיך די גמרא פאר אים אנגענומען און מיאוס פאראורטיילט אלע מיני שרייערס — אבער ווי זאגן שוין די זעלבע תנאים: „ליתא כתובה בלא תיגרא". . איז עס דאך ערשט א שטיקל סימן, אז דער יובל איז א יום־טוב . . .

## „יידיש לאנד

„יידיש לאנד", וואס אונטער דעם נאמען דרייט זיך אונזער ליטעראַטור אפיציעל ארום איבערן קיילעך ערד איז פונקט ווי זי — א „תולה על בלימה".

וואס קאן שוין זיין „בלימלדיקער" ווי דער רעדאקטאר פון יידישן ליטעראַרישן זשורנאל אין סאוויעט־רוסלאנד דערקלערט זיך פאר א „יידן־אַפשטעמלער"? פאר אונז, ווייטשעפלער, איז עס גארנישט אזא רבותא. מיר האבן שוין אפילו געהאט גאנצע גוים . . ראקער! בעק!! אבער זיי אפילו וואלטן נישט ארויס מיט א געשטאמל ווי ער, אונזער אהרן ווערגעליס, אין דער שווייץ לעצטנס.

וואס ביי אונז טוט זיך איצט, ווייסט איר שוין אביסל. אבער הערט נאך עפעס שיינס.

א מנין אונזערע יידישע שילעכלעך אין ווייטשעפל, פאראייניקט אין איין שול, האבן ערב ימים־נוראים אויפגענומען א רב — נישט א ראביי — א רב מיט א באַרד —. די שול איז פול מיט א הונדערט־פראצענטיק יידיש־ריידנדיקן עולם — א טייל פארשטייען קוים ענגליש. דער ראש־הדיינים פון דער „פעדעריישן", א היימישער למדן, האלט זיין רעדע אין ענגליש. דער אויפגענומענער רב, א ליובאוויטשער חסיד, אויך אין ענגליש.



נאך וואס מ'ברויכט א „פעדעריישן" נאך צו דער „יונייטעד", אז דער צד השווה שבהם — — —

ביי אזא געדרוקטן „לייד־ארטיקל" לכבוד יום־טוב איז גוט כאטש מיט אווארט צו דערמאנען דעם יידישן שליח פון יידיש־אמעריקאנישן „פ.ע.ן.", ש. ל. שניידערמאן, וואס ווילט דא איניקע טעג מיט זיין פרוי דא ביי אונז אויף זיין צוריק־נסיעה פון פען־קאנגרעס אין דובלין.

שניידערמאן איז א פאעט פון צוויי בענד לידער. די לעצטע פערציק יאר שרייבט ער נאר פראזע זיין פינפט בוך יעצט. „ווען דו וויסל, האט גערעדט צו מיר יידיש" איז א געזאנג צו יידיש און יידישקייט.

אז מ'רעדט מיט שניידערמאנען פילט מען דעם ווארעמען אטעם פון יידיש און יידישלעכן אמעריקע. איצט רעדט דער „איסט־ריווער", מסתם, שוין מיט אים יידיש. אויב אמעריקאנישע יידיש שרייבער קאנען נאך ארויסשיקן אזעלכע שליחים ווערט א ביסעלע ווארעמער ארום הארץ.

גענזעגענענדיק זיך ביים טעלעפאן מיט פרוי שניידערמאן אין איר היימיש־זינגענדיקן ווארשעווער לשון, האב איך דערפילט, אז נישט מיר פארטייטשן — מיר האבן פארניגונט! דאס איז די אייביקייט פונם שעפעריש־געשאפענעם ווארט.

## סך־הכול

„האלב פאלט אין וואסער אריין, האלב נעמט צו די וואנט — ס'בלייבט וואס מ'נעמט זיך אין זין אריין" — אזא שפילן זיך אין הדר —.

אז ביים טשיף־ראביי איז יידיש דייטש, ביים רב הראשי — „קאקני" און אין אונזער ישראל — א לשון לועזית, איז א וואונדער, אז ביי א יעווסעק, ביי א יידיש־אפשטאמלער גוט, און אחר, אבער פון דער חברה ווארפט מען אים נישט ארויס! איז דאך נאך דא א מימרא פון אלישע בן אבויה אפילו אין פרקי אבות. איז די יידישע שפראך שוין גוט צומאל פאר אסימילאציע־פראפאגאנדע . . .

אבער צי האט די „גלייכער ליניע פון דער השכלה נישט דורכגעבראכן דעם חוט־המשולש: מענדעלע־פרץ־שלום־עליכם?

דער „עמו אנכי בצרה" איז דער סוד פון שכינתא בגלותא — — —

אונזערע חכמים האבן שוין פארטייטשט דעם „אדם כי ימות באוהל", אין התורה מתקימת אלא על ידי שממית את עצמו עליה — יידישע אותיות זענען נישט נאר פורחות, נאר אויך מחכימות.

ווי האבן מיר אין דעם „תולה ארץ על בלימה" אויסגעבויט אין א פעסטער געביידע, אין א שבכתב, וואס טויזנטער יארן שוין לעבן אין איר א וועלט מיט מענטשן.

און אין א שתי־וערב פינסטער־פארשפינטער וועלט ווי האבן זיך אונזערע מוחות געשליפן אויפן גלגל־הארץ שלייפשטיין פון בבל איבער ספרד

אין אשכנז ביז אין „פה־לין" האט איבער יעקעלעס וויגעלע אונזער שבעל־פה „אײַנגענומען" און פארוויגט מיט אונזער יידיש־ניגון און אונז מאמעדיק געליולט אין אפיום־זיסן קאשמאר־חלום — לעבן.
„והחוט המשולש לא במהרה ינתק".

## א ח ר

דער רבי ר׳ אלישע בן אבויה
רייט שריט ביי שריט אויף זיין שטאלצן פערד,
רבי מאיר, זיין תלמיד, טרינקט זאפט פון מילגרוים,
יעדעס ווארט וואס ער פון זיין רבין הערט.

ראפטום מיט א געהירזש שטעלט זיך אפ דאס פערד
און רבי אלישע רעדט טיף פארקלערט:
„מאיר, מיין זון, ווייסטו, אז טיילמאל די שאל
איז פון דער זאפטיקסטער פרי מער ווערט?

׳מה נאה אילן זה׳, ווי שיין דער שטאם איז,
קוק דאך אן דעם צעצווייגטן בוים;
פיל טיפער קאן אזא אויגנבליק ווערן
ווי שענסטער פשט אויף פסוק ׳ולאום מלאום׳.

אז וואס איז א פאלק און וואס שוין זיין שטארקייט
אן תפארת שבתפארת־טרוים?
ווי שיר־השירימדיק זיס אזא פסוק:
דיינע שלייפן א שאל פון א מילגרוים!"

ס׳הירזשען פון פערד — אויפגערעגטער, ווילדער ווערט,
כאטש צו שפאלטן די ערד מיט זיין טלא;
דער רבי קוקט שטיל־פארליבט אויף זיין תלמיד:
„שבת היום, דער תחום איז דא!"

בויגט זיך ר׳ מאיר אראפ צו זיינע פיס,
קושט טאגע־זוים פון וועג פארשטויבט גרא:
„רבי, הערנדיק פון דיין מויל די ווארענונג,
איז אצינד מיין הייליקסטע שבת־שעה".

מיין קינד, לפני עוור לא תתן מכשול,
ווי טון ארבעט אין שבת — א פארבאט!"



און דער פארליבטער בליק פון רבין
געמישט אביסל מיט פריילעכן שפאט.

הייבט ר׳ מאיר אויף זיין בליק מיט א שמייכל,
„ ׳בהמתן של צדיקים׳ — גרויסער ג אט,
איצט פארשטיי איך ס׳געהירזש פון פערד,
ס׳דערמאנט האט, ווייטער מטאר נישט קיין טראט!"

האט זיך רבי אלישע בן אבויה
צום תלמיד אראפגעבויגן פון פערד,
געקושט אים אויפן שטערן — פון פלינקן ריט,
הירזשענדיק, אויפגעציטערט ס׳האט די ערד.

און רבי מאיר איז געבליבן שטיל שטיין,
די אויגן מיט צער און ליבשאפט פארטרערט.

## רבי אלעזר ברבי שמעון

. . . אז רבי אלעזר ברבי שמעון געזען
פון רוימישן הייל דעם נצחון,
איז ער אינגאנצן צוזאמענגעבראכן —
ג אט, דעם טויט וואס גיכער צו מיר געגען!

נאר נישט חלילה ווידער דאס, וואס געשען!
געהענגט, פארברענט, געשאכטן.
די וואס געבליבן אויף קני געקראכן — —
אלצדינג, נאר נישט מער דאס וואס איז געווען!

מיט יידן? מיט די מענטשן וואס וועט זיין?!
איוב אלץ מאכט, דער שוואכער מוז אונטערגיין,
וויאזוי דאס גוטע קאנען באשטיין?

ניין, עס איז דער גוטער נישט דער שוואכער —
פאריינט דער אלימפיער און דער תנ"כער,
איז מען מעכטיקער דעמלט צען־פאכער.

ש.

---

שבת בראשית, דעם 23׳סטן אקטאבער וועט מען, ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס, לייענען און רעציטירן פון יעקב גלאטשטיינס לידער און פראזע און ריידן איבער זיין שאפן.

# א ייד פון לובלין

(פון בוך „א ייד פון לובלין)

ס׳איז גארניט געגאנגען פארלוירן.
ס׳איז עפעס ארויסגעקומען דערפון.
ס׳האבן שפאציר־טריט אריינגעזונגען
אין צעליכטיקטע מויערן.

נאקעטע צווייגן גאלדיקן מיט זון.
א ווינטער־טאג אין ניו־יארק
קאן קרעפטיקן מיט וואלדוויין די לונגען.
די יפס זינגען ליד נאך ליד.
איך בין א באטייליקטער ייד,
מיטן יידישן גאט
אין א פרייער שטאט.

א באטייליקטער ייד בין איך געגאנגען . .
איף ניו־יארקער גאסן,
מיט מיינע יידישע געזאנגען,
אן איינגעגלויבטער זינגער
מיט צעריסענע שיך,
בארוויסע פינגער.
א פרייער זינגער, אליין אן אן עול.
דער פייכטער לעק פון שטיין
האט געקיצלט מיין קול.

אין אלץ וואס מיינע אויגן האבן געזען,
בין איך געווען,
אין אלץ מיט מיין ליד —
א באטייליקטער ייד.

וואס מער כ׳לעב אוועק
פון יענע יארן,
נענטער קומען זיי
מיין הונגער איפצופרישן.
מיינע פארשעמטע נאזלעכער
זענען דורכגענומען געווארן,



מיט די געבראטענע קאטשקעס
איף געדעקטע טישן

הונגעריקער ייד, מיט געדענקטע פסוקים,
מיט יידישן פארשטאנד,
האט איף איינגענומענע
ניו־יארקער גאסן געשפאנט.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דאס עולה זיין פון רבי שפערבער שליט״א און זיין פרוי תחי׳ קיין ישראל איז געפייערט געווארן מיט א גרויסן באנקעט. עס האבן גערעדט רבי דר. ישראל ברודע, דער טשיף ראביי דר׳ עמאנועל יאקאבאוויטש, ספרדישער טשיף ראביי דר. גאון און הרב הראשי דיין פישער.

* * *

אין לאנדאן געפינט זיך איצט איף א באזוך פון ישראל דער באקאנט יידישער פאעט דוד ספרד — מיר זאגן אים א הארציק ברוך הבא.

* * *

די חברים גרופע אונטער די אנפירונג פון הערי אריאל, איפטרעטנדיק פארגאנגענעם חודש אין א יידישלעכע קאמעדיע אין ווייטשעפל, ברעדי־קלוב, האט ממש מיט ארײַנגעצויגן דעם גאנצן גרויסן עולם אין פרײַדיקער באגײַסטערונג.

* * *

דער שרייבער אהרן ראלין האט לעצטן חודש מיטגעמאכט א שווערע אפעראציע מיר ווינטשן אים גאנץ געזונט צו ווערן און באלד קאנען ווייטער אנגיין מיט זיין ארבעט׳

* * *

דעם 18׳טן אקטאבער עפענט זיך אין בן־אורי די אויסשטעלונג פון באקאנטן פוילישן מאלער אדם מושקא, וואס וווינט יעצט אין פאריז דער באקאנטער לאנדאנער מאלער אלווא וועט עפענען די אויסשטעלונג.

* * *

ח. נ. בענקוויטש געפינט זיך אין שפיטאל מיר שיקן אים א רפואה שלימה.

• • •

ביים טרויער אוונט צו די שלושים פון באקאנטן לאנדאנער מאלער ארטשיבאלד ציגלער האבן גערעדט : דר. ישראל פעלדמאן, דר. י׳ לעווי, סירל ראס, הארי בלאנקער, בארי פעלדמאן א.א. דעם פארזיץ האט געפירט אלעקסאנדער מרגליות.

* * *

חנהלע צעלניקער ענדיקנדיק איר שפילן „דער פידלער אויפן דאך״, — איבער פינף יאר ! — פארט איף א טור קיין דרום־אפריקע.

• • •

סעם גאלדבערג, דער באוווסטער אקטיאר פארט אפ קײַן אמעריקע, דארטן איפצוטרעטן אין זײַן איפפירונג „כשר און פרײַלעך״.

• • •

מייטי סעגאל האט אדורכגעמאכט א הארץ־אטאקע, אבער זי איז שוין געזונט און שפילט שוין צוריק מיט דער לאנדאנער טעאטער-גרופע׳ מיר ווינטשן איר לאנגע געזונטע יארן.

• • •

וויקטאר יארגאן דער באקאנטער סאוויעטישער טשעליסט וואס איז אנגעקומען אין ישראל איז צוגאסט אין לאנדאן אין גיטעג קאנצערט אין פרענדס הויז באגלײַט פון דער באקאנטער פיאניסטע, שולא דאניאק.

• • •

די אקטריסע מילי טשיזיק האט אדורכגעמאכט אן אפעראציע, מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

• • •

צו דער ערשטער יארצייט פון שמואל וההייט, שבת פאר ראש השנה האט נעט רובין געליינט וההייטס לידער און מאיר באגדאנסקי געזונגען זיינע געשאפענע מעלאדיעס צו זיי׳

ביים אויפשטעלן די מצבה פאר דער אקטעריסע און זינגערין עלען ווינאגראד האט גערעדט דער רב פון דער בערנער סטר. שול ראביי מאריס לוי.

# אז די פארצווייפלונג איז גרויס

ווערטער פון שמואל וההייט, מוזיק — מאיר באגדאנסקי



אז די פארצווייפלונג איז גרויס,
דו פילסט אז אלעס עקט זיך,
פאכט דאס הארץ, דער מוח ברענט,
דיין שאטן אפילו שרעקט דיך.

קומט האפנונג ווי זאנפטער טוי,
ס׳ברעכן זיך העלע שטראלן,
שוין פון ווייט ווונקט דיר א טרייסט:
ס׳איז נאך גארניט פארפאלן.

שפינען זיך פורפור ניואנסן,
וואס קוויקן וואס באלעבן.
מוטיקט עס, שטארקט דיין גייסט,
שפינט זיך גינגאלד געוועבן.

יעדן שבת 3 אזייגער אין בערנער סטר. א.1. יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — אלע זיינען איינגעלאדן — איינטריט פריי.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־12 (העפט 393־94) 32־סטער יאר נאוו.־דעצ. 1971, לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

חנוכה־און צייט לידער, אדאם מושקא אין בן־אורי, דר. ישראל פעלדמאן
און סירל ראס בני שמונים עד מאה ועשרים ...... ...... ...... *** 3
נס גדול היה שם יוסף ווינשטיין 10
לכבוד חנוכה ...... ...... ...... ...... ...... אסתר ערליכמאן 14
חתונה־ליד ...... ...... ...... ...... ...... ...... אייזיק גאלדבערג 15
ווער איז ווער? ...... ...... ...... ...... יחזקאל קארנהענדלער 15
באנקראטירט (ליד) ...... ...... ...... ...... ...... עלא זילבערג 17
אילוזיעס, אילוזיעס, ים־שפריצן, „די פינסטערניש" אין קאצק א. נ. שטענצל 18
יידישע טעאטער־אמאטארן אין לאנדאן ...... ...... ...... נעט רובין 31
מיכאל זילבערבערג ...... ...... ...... ...... ...... ...... עדיט ראמזיי 34
מיכאל זילבערבערג ע״ה, יעקב גלאטשטיין ע״ה, האלב־מאסט ש. 35
די לעצטע שעה (ליד) ...... ...... ...... ...... יעקב גלאטשטיין 36
וועלט־קאנפערענץ פון יידישע זשורנאליסטן אין ישראל

**יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג — יעדן שבת 3 אזייגער**
אין בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1.

---

רעדאגירט: א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא מענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אויבעט

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*